# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 120) עלפטער יאָרגאַנג יאַנואַר 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

אינם שפּאַלט פונם 20־טן יאָרהונדערט (אַ פּאָר וויכטיקע פּאַראַגראַפן צום יאָר 1950); די לאַפּאַטע און דער האמער (קאַלענדעס צום „היילקן" יאָר 1950) ...................... ** 1
די געזעצן פונם וואַלד (דערציילונג) .... מ. גילדענמאַן (דיאַדיאַ מישאַ) 6
צוויי לידער ........................................ י. קרני 10
טונקלע טעג (דערציילונג המשך) .................... א. מ. פוקס 11
יהודית (באַלאַדע), פון דער קאַסע „מנוח עד שיבוא אליהו" (צייט ליד) ................................ א. נ. שטענצל 18
די סיבירער קאָזאקן אין לאנדאָן (שלוס) ............ מאַרקוס קאָהען 23
שלום אַש אין 1949 ................................ משה עובד 28
דריי אַפּאָלאָגיעס (2, ווען מ'שרייבט פאַרן איבערזעצער) .... לעאָ קעניג 30
אַ בריוו אויסטויש מכוח אליהו בחור ............ אַבראַמסקי־מייטליס 33
גבורה און חורבן (עסיי) ...................... דר. יעקב י. מייטליס 34
צו משה יעקב קליפּערס 60־יעריקן געבוירנטאָג ...... יוסף הלל לעווי 37
הימלישע קלאַנגען, לעבן... טרערן, זינג מיין ליד .. משה יעקב קליפּער 38
פּראָפעסאָר היינריך לעווע 80 יאָר (עסיי) .......... אפרים טויבנהויז 40
יובילײ פון יעקב כהן—אַ קולטור יום־טוב אין ישראל ...... ש. ערנסט 42
שטיקלעך באַריכטלעך על רגל אחת ........................ ש. 44
צייכנונג .......................................... מיידנער 45
דער רוסישער פּריזיוו (חסידישער פאָלקלאָר) .... יחזקאל נח ערליכמאַן 47
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס .............. 48

**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אַבאָנעמענטס־פּרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

# אַן עס-א-עס-רוף צו אונזערע פריינט

דאָס ערשטע מאָל זייט דעם עקזיסטענץ פון אונזער זשורנאַל ווי מיר שיקן אַרויס אַ בריוו צו אונזערע פריינט, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין אַ געוויסן באַשטייער, בכדי דער זשורנאַל זאָל קאָנען ווייטער דערשיינען רעגעלמעסיק, אין דער פאָרם און גרויס לכל־הפחות ווי ביז אַצינד.

בעטן מיר אונזערע חשובע פריינט, וועלכע וועלן באַקומען אַזאַ צוגעשיקטן בריוו, באַלד צו רעאַגירן און זיך נישט באַציען גלייכגילטיק צו אונזער בקשה, וואָרים עס איז ממש אָפּהענגיק דער ווייטערער עקזיסטענץ פונם זשורנאַל לויט דעם, ווי אונזערע פריינט, וועלן זיך אָפּרופן אויף דעם אויפרוף־בריוו, וועלכן מיר שיקן איצט ארויס

דער ענטשלוס דערצו איז אונז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט, אָבער „נויט ברעכט אייזן“, און מיר האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט ווי זיך צו ענטשליסן אויף דעם לעצטן, וואָרים וועט דער זשורנאַל, לשון און לעבן“ אונטערגיין, וועט אונזער יידיש גייסטיק לעבן דאָ אין אונזער׳ן שוין גענוג אָרעמען און פאַרבלאָזן יידישן ישוב, זיין נאָך שפּלדיקער און נאָך גרויער.

און דערביי דערמאַנען מיר נאָכאַמאָל אונזערע חשובע אַבאָנאַמענטן

„אויב דער סעקרעטאַר שיקט אַרויס אַ מאָן־בריוו, זאָל מען תיכף צושיקן דעם אַבאָנאַמענטן־אָפּצאָל!“ אַ טייל פון אונזערע פריינט טון דאָס און מיר זיינען זיי זייער דאַנקבאַר — טאַקע אַ דאַנק זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פּינקטלעכקייט איז נאָך די מעגלעכקייט וואָס דער זשורנאַל דערשיינט דאָך יעדן חודש רעגעלמעסיק, טראָץ אַלע אומגעהויערע שוועריקייטן.

מיר האַלטן אַז דער זשורנאַל „לשון און לעבן“ איז וויכטיק פאַר אונזער ישוב, און מיר ראַנגלען זיך מיט די לעצטע כוחות אים ווייטער אָנצוהאַלטן, זאָלן פריינט פון יידישן וואָרט, לייענער פונם זשורנאַל, לכל הפחות, נישט זיין נאַכלעסיק אינם איינצאָלן דעם יערלעכן אַבאָנאַמענט! און די ווידער, וועלכע ווילן אים נישט האָבן, — אויס וואָסערע מאָטיוון עס זאָל נישט זיין! — זאָלן אַזויפיל אחריות אין זיך האָבן אונז מיטצוטיילן אים אָפּצושטעלן.

וויסנדיק אונזערע שוועריקייטן, וועט איר פאַרשטיין דעם אַזוי דרינגנדיקן, קלאָרן און אָפענעם בריוו.

די רעדאַקציע.

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף דעם פאָלגנדיקן נייעם אַדרעס:

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

**ווערט אַ מיטגליד פון פריינט פון יידיש לשון!**

LC. 1035/7
TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
No.:- ~~5292~~ 870

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.
נומער 1 (העפט 120) עלפטער יאָרגאַנג יאַנואַר 1950 לאָנדאָן

## אין שפּאַלט פונם 20־טן יאָרהונדערט

(אַ פּאָר וויכטיקע פּאַראַגראַפן צום יאָר 1950)

1. די העלפט פונם 20־טן יאָרהונדערט וועט נישט נאָר בלייבן די עפּאָכע פונם שפּאַלטנדיקן אַטאָם, נאָר אויך די עפּאָכע פון אונזערע געשפּאָלטענע געהירן — די מענטשהייט לעבט יעצט אַדורך אַ גייסטיקע שיצעפרעני! פאַרכאַפּט פון די צוג־ווינטן וואָס בלאָזן פון די צוויי פּאָכעדיקע פאָרהאַנגען, — פון איין זייט די אייזערנע, און פון דער צווייטער זייט די ניילענע. — דרייט זיך איר דער קאָפּ מיט אַן איבלדיקן שווינדל.

און איז עס דען אַ וווּנדער, וואָס דער מענטש, דער מבחר היצירה, איז געקומען צו אַזאַ קריכערישער מדרגה פון אַ כסדרדיקן „פּוסח על שני סעיפים“; פון אַן אייביקן געוויסן קאָנפליקט, צו שטיין אַ צעריסענער צווישן זיין גדלות־ און שפלות־קאָנפלעקס — אַז אָט־אָט קאָן זיך די טריפהנע ערד שפּאַלטן אונטער זיינע וואַקלדיקע פיס, ווי אַ לויז־איי מיט אַ בלוטסטראָפּן, און ער, זיין מאַיעסטעט דער מענטש, מיט זיין גאַנצער שעפערישקייט, רחמנא לצלן, אַן ענטבלויזטער אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט, וועט צעפליען אַ צעשפּליטערטער אין לויטער אַטאָמיזירטע גאַרנישטן?

מיר לעבן אינם שפּאַלט פון אַ גרויסן יאָרהונדערט! די ערשטע העלפט איז שוין געווען גענוג גרויליק און גרויזאַם און געוואַלטיק — — — בכל־אופן די מענטשהייט וועט דעם שפּאַלט אַריבערשפּרינגען, אָבער די געפאַר איז גאָר גרויס, אַז דווקא אַ הינקענדיקע אויף צוויי קוליעס...

2. און מיר יידן, אויב ביז יעצט האָבן מיר זיך נאָר געטיילט בלויז אין מיליע־קהלן, אין איזראַעליטן און יהודים, אין אשכנזים און ספרדים, אין מערב־און מזרח־יידן, אין חסידים און מתנגדים א.ז.וו. אָבער טראָץ די אַלע טיילונגען און שפּאַלטונגען האָט די אָנגעלאָדענע ענערגיע פונם פּינטעלע ייד אונז צוזאַמענגעהאַלטן, איז אַצינד, אין דער עפּאָכע פון אַטאָם־שפּאַלטונגען באמת גרויס די געפאַר, אַז מיר זאָלן זיך חלילה נישט שפּאַלטן אין פּיטשעדיק־אַטאָמיזירטע ישראלים און יידן.

פון איין זייט די כסדרדיקע סאַבּרע־מעשים־טובים, וואָס וואַרפן זיך שוין צו פיל אין די אויגן ביי אונז אין חוץ־לארץ, און פון דער צווייטער זייט, וואָס דער „פּליט“ איז שוין אַ ביסל צופיל אין די אויגן אין ישראל — עס פּלאַצט שוין טיילמאָל די געדולד פון דעם נייעם יידישלעך איבערגעטריבענעם שפלות־און גדלות קאָמפּלעקס, וואָס האַלט זיך אין ענטוויקלען ביי אונז!

עס קאָן זיך חלילה ענדיקן מיט אַן אַטאָמיזירטע קאָמפּליצירטקייט נישט מער שוין צוזאַמענצוהעפטן, עס האַנדלט זיך איצט נישט אין שפּאַלטונג פון פאַרטייען און רייען — עס גייט שוין אינם שטויב־צעפּיצלטן פּינטעלע ייִד!

„יונתי בחגוי הסלע“, צו דער טויב וואָס לעבט אין שפּאַלט פונם שטיין איז געגליכן ס׳גאַנצע פאָלק ישראל! און ווען מיר זיך שפּאַלטן, — הערט אויף אונזער געטלעכער כרית־ברית! — ווען מיר חלילה ישראל אויך נישט האָבן — וואָרים דאָס־אַ, די טויבן־תמימותדיקע גאַנצקייט איז דאָך דער ערשטער ירושה־באַדינג און זיכערקייט פונם „במה אדע כי ארשנה“.*

3. אינם טיפן שפּאַלט צווישן העברעאיש און ייִדיש איז דער שפּיציקער קלין שוין אַריינגעשטעקט און די האַק אויפגעהויבן, ווי איבער אַן אונטערגעזעגטן געפאַלענעם בוים. און דער צושטאַנד איז גאַנץ נאַטירלעך! אַז אונזער גייסטיקער און גייסטלעכער מצב איז אַזוי בשפל המדרגה, אַזוי ענטוואָרצלט, אַן יעדן שורש שוין. איז וואָס זאָל מען טון מיט דעם ליגנדיקן קלאָץ אויב ניט אים צושפּאַלטן, אים צעהאַקן אויף שפּענדלעך און יעדער זאָל זיך אָפּקאָכן זיין נזיד־עדשים, זיין טעפּל מיט אַרבעסן? אונזער קולטור מצב איז אַ שרעקלעכער און דערצו, זי אַליין נאָך פון אייגענע ווילע יונגען אַ פאַרשוונדעטע און געשענדעטע, און פאַרן ביליגסטן שוין אַ פאַרקויפטע.

זיי זיינען זיך אָבער געוואַלטיק טועה, די וואָס מיינען, אַז מ׳קאָן שוין די שפּחה אַוועקשיקן און בלייבן בלויז ביי דער גבירטע! „באשר היא שם“, אפילו אין דעם שפּלותדיקן צושטאַנד, איז אַלץ נאָך ייִדיש דער גרעסטער פאַקטאָר צומאַל פאַרן אויפבוי פון ישראל.

וואָרים אַ חוץ, וואָס אין אַלע קולטור־און געלד־לענדער איז ייִדיש דער עספּעראַנטע נאָך פאַר אַלע פּאָליטישע־און געלד־זאַמלער־משולחים, וואָרים דער ייִד, וואָס קאָן שוין נישט קיין שייטל ייִדיש איז שוין אַ קנאַפּער אַמאָטער אויף די אַלע ענינים. (די איינצעלע יחידים וואָס זיינען ערגעץ ווו יאָ פאַראַנען, זיינען דאָך יענע „רעגלען“ וואָס באַפעסטיקן נאָר דעם כלל...) איז דאָך ייִדיש נאָך אַלץ די דינענדיקע שפּחה מיט איר ראָמאַנטישע ליבשאַפט פאַרן לאַנד ישראל. די העברעאישע ליטעראַטור און שפּראַך וואָס איז צו נאָנט צו דער געוואַלטיקער רעאַליטעט פון די טאָג־טעגלעכע געשעענישן אינם בויענדיקן לאַנד, איז צופיל באַשעפטיקט מיט איר סטראַטעגיע און עקאָנאָמיק, אַז זי זאָל קאָנען זיין די טרעגערין פון דער שכינהדיקער „גלות־ראָמאַנטיק, — וועלכע איז נאָך געוואַלטיק נויטיק פונקט אַזוי ווי די פּאַראַייניקטע אַפילס!

און דער עיקר: ייִדיש, מיט איר גלות־לאַנגער פּערספּעקטיווער און קאָנסטרוקטיווער בענקשאַפט, איז אויך קיינמאָל נישט טיילבאַר און אָפּשפּאַלטנ־

* ווען אברהם פרעגט ביי גאָט „מיט וואָס בין איך דאָס זיכער אַז איך וועל ירשנען דאָס לאַנד“. שליסט גאָט מיט אברהם אַ כריתת־ברית: אַ ציג אַ קאַלב און שעפּס ווערט געטיילט אין צוויי, אָבער די טויב ווערט נישט אַדורכגעשניטן בשעתן שליסן דעם בונד.



TOWER HAMLETS LIBRARIES

דיק; ייִדיש קאָן קיינמאָל נישט זיין שלילת־ישראל.

העברעאיש קאָן זיך לייסטן (אפשר!) שלילת־הגלות, אָבער ייִדיש דאָס איז דאָך איר איינציקייט, וואָס זי איז אַ באַהעפטערין אין אַלע אונזערע צעשפּליטערונגען — נאָך איז ייִדיש אַלץ די אַקומילאַציע פון אַלע אונזערע אַטאָמיזירטע און אויף שטויב צעפּלאַשעטע ענערגיעס — — —

ייִדיש איז די שפּראַך פון טויזנט יאָר ייִדן אין איירָאָפּע! טויזנט יאָר אונטערבאַוווסט־זיין פון אַ פאָלק איז אַ זיכערע שוץ פאַר גייסטיקער שיצפּרעני און די געזונטערע טיילן פונם פאָלק, וואָס ווילן נישט זיין קיין מאבד עצמו לדעת, ווייסן עס געווי.

4. דעם בראָך, וואָס די שבעים־לשונות „לאָיאַלע“ ייִדן טראָגן אין זייערע געשפּאַלטענע הערצער מכח דער טאָפּלטער לאָיאַליטעט, האָט לגמרי נישט צו טון מיט ישראל. עס איז נאָך זייער אַלטע „מכת מדינה“־חולאת פון „יהי יהודי בביתך ואדם בצאתך“... „פאַר אַן עמך ייִד אָבער, אַ רעליגעזן, צי וועלטלעכן־נאַציאָנאַלן, (ווו ער זאָל נישט וווינען!...) איז אומעטום פאַראַנען איין תורה, און זי באַשטייט: פון מצות התליות בארץ און הנוהגות בחוץ־לארץ.

און מיר גלות־ייִדן האָבן נישט נאָר תעניתים, מיר האָבן אויך אַ יום־טוב שני של גלות!

און אויב ס׳איז שוין געקומען די צייט אַז אין „כנסת“ אין ירושלים זאָל אַ דעפּוטאַט אויסשרייען: „עס גייט אַן אַ קולטורעלער און רעליגעזער מאָרד אין די בתי־עולים“, טאָר עס לגמרי נישט פאַרדריסן די ציוניסטישע מנהיגים אין חוץ לארץ, ווען מיר ווען זיי זאָגן, אַז מאַנכע פון זיי אין תפוצות ישראל באַנעמען זיי זיך ממש ווי וואַנדאַלן און טעראָריסטן בנוגע די צוויי דערמאַנטע, לעבנס וויכטיקע, ענינים.

דער חלף פונם שונא הענגט נאָך אונז איבערן האַלדז! אויב אָבער מיט פאַרגלייזטע אויגן און מיט דער העברעאישער ברכה אויף די ליפּן מעג מען יאָ אָפּשפּאַלטן פון אונז נייע 6.000.000 ייִדן און פאַרטיליקן אַ רעשטל פונם ייִדישן שאַפן, דאָס שכינהדיקע פאָלקסטימלעכע פון ייִדישן פאָלק אויסוואָרצלען אַליין בידים, וואָרים ווי דען אַנדערש אויפּפאַסן די אחריותלאָזע אויפפירונג —

5. בעסער איבערצוברעכן דעם פריערדיקן זאַץ אין מיטן, איידער אים צו ענדיקן און באַלויכטן מיט פינסטערע איינצעלהייטן און רעאַלע טאַטזאַכן. עס איז שוין אַזוי אויך געגנוג ביטער און פינסטער! ווועלן מיר ענדיקן בכי־טוב, מיט אַ אויף צוויי געטיילטן פּאַראַגראַף, בנוגע ייִדיש אין ישראל:

א. זיכער זאָל און מוז זיין אונזער נאַציאָנאַלע און אויך די גערעדטע פאָלקס־שפּראַך אין ישראל העברעאיש. אָבער ווי אַ דעמאָקראַטישע מלוכה מוזן די ייִדישע פּליטים באַקומען אַ מינימום־מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אין זייער שפּראַך על כל פנים אַזויפיל וויפיל די יהודים אין זייערע פרעמדע שפּראַכן. (מאָלע, וואָס אַ באַרימטער שרייבער וואָס „פּראָטעסטירט“ אויפן נאָבל פּרייז, איז פלינק אַנגעפאָרן קיין ישראל און דערקלערט, אין אַ מסיבה פון

העברעאישע שרייבער, אז יידיש געהער צו דער מדרגה פון לאַנדינע און שפּאַניאָליש... ווי לאַנג איז ווי דער זעלבער האָט זיך ערשט גערייט צווישן לינקע קרייזלעך אז זיי זאָלן אים „פארשלאגן״. . . .).

ב. אין קאָמערץ און אין העכערע שולעס אבער, ווו תלמידים לערנען יאָ שוין צוויי שפּראכן, מוז קודם כל דעם פארצוג האבן יידיש. אויב שוין דעם מוח באלעסטיקן מיט אַ צווייטע שפּראך לשם צוועק: קאָרעספּאָדענץ־ און האַנדלס־באַציאונג, פעלקער־און קולטור־פאַרבינדונג, מוז עס קודם כל זיין מיט די יידישע שבטים בכל תפוצות ישראל, וואָס ניינציק פּראָצענט (אויך אין ישראל) פארשטייען נאך לעת עתה יידיש.

וואָרים אויב די טויזנטער יאָרן זיינען מיר געווען גוטע אַגענטן אין קאָמי וואָיאַזשאָרן פאַר אלע שבעים אומות, ווען מיר דאָך פאַר אונז אייגן פאָלק אוודאי עס זיין.

און דער עיקר: ס׳קאן דען נאך זיין אַ נידריקער באציאונג צום אייגענעם פאלק, וואָס טויזנט יאר פון זיין שאפן זאל ארויסגעווארפן ווערן ווי דער יתור פון אַן איבערגעניצעוועטן אויסגעטראגענעם בגד. גייסטיקע דערצויגענע פון אַ פאלק ווי לערער וכדומה, זאלן האבן זייער צווייטע קולטור־שפּראך פראנצויזיש, ענגליש, צי גאָר דייטש, און יידיש, — מיט וואָס זיין פאלקלאר און יעדער אַקצענט און תנועה איז אָנגעזאפּט מיטן מארק און בלוט פונם פאלק און פאלקס אוצרות! — זאל זיין מן דכר שמו, גאנץ אָפּגעמעקט פונם פנים פון דער יידישער ערד?

אויב דער ערשטער טייל פון דעם לעצטן פאראגראף איז דער מינימום פאר יידיש ריידנדיקע פליטים, איז דער צווייטער טייל דער מינימום פון אַ שיקול דעת פון איינעם ביי וועלכן דאָס יידיש פאָלק גייט נישט נאָר אונטערן נאָמען: „עם־הספר״ — באשר היא שם, האבן מיר אַ לעבעדיקע ליטעראטור!

עס זיינען די קומענדיקע 50 יאָר, אין וועלכע מיר מוזן באַווייזן, אַז מיר זיינען, נישט נאָר אַ רעליגעזע סעקטע צי גאָר אַ נאַציאָנאַלע מלוכה, נאָר אז מיר זיינען אן ארגינעל שעפעריש קולטור־פאלק. עס איז אונזער דור נאָך לייבהאפטיק און בלוט־פארבונדן מיט אונזער פארטיליקטע גרויסע שבטים אויף אייראָפּעאישע ערד, און יידיש, — דער אידיאם, דאס לשון, — איז עס געווען דאס מעדיום, וואָס איז געווען מסוגל אויפצונעמען די אייראָפּעאישע קולטור אויף אַן אייגנארטיקן ספּעציפיש יידישלעכן אופן.

* * * * *

די קריסטלעך אייראָפּעאישע וועלט שטייט איצט אינם שפּאלט פונם 20־טן יארהונדערט! און מיר יידן, איבערן תהום פון אונזער לעבן,—עס שווינדלט אין אים אַריינצוקוקן: יונתי בחגוי הסלע! — מיט פארמאכטע אויגן אינם גלויבן אינם נצח ישראל — — — נאָר פונקט ווי די אייראָפּעאישע וועלט מוז זיך שטארק אין אכט נעמען, פאַר דעם יעזואיטיש־צביעותדיקן וואָס הייליקט יעדעס מיטל, מוזן מיר ווידער זיך היטן פאר דעם שבתי־צביאידיקן צוועק־דיקן, וואָס אַלצדינג פאר דעם, איז נאר תכלית און צוועק. . . .



מיר גלויבן אינם נצח ישראל, מיר גלויבן אינם אחדות ישראל, ווייל עס איז דאס פאלק וואָס האט געשאפן דעם אחדות הבורא־פארמול! און איצט, אין דער אַטאָמיזירונג־עפּאָכע פון וועלט און מענטש, איז עס אַ ייד ווידער, וואָס האָט געפינען דעם פאָרמול פאַר אחדות העולם.

## די לאפּאטע און דער האמער

(קאָלענדעס צום „הייליקן״ יאָר 1950)

צאָלי:

וואָס עפּעס מיצקע דרינען,
פאָטער, הייליקער טאָטע,
אַ האַמער, אַ לאָפּאַטע?
אַלצדינג האָט דאָך אַ זינען!

פויבסט:

אַ קבר אויסצוגראָבן,
עס קומט נישט אַנדערש אויסעט!
אָ, אונזער גלויבן גוססעט,
ירוזאַלם אויב מ׳וועט נישט האָבן.

צאָלי:

אַ קאָפּ איך בין, אַ גראָבער,
פאַרשטיי איך איינס לעת עתה;
הייליקער פאָטער, טאָטע,
דאָס צווייטע וואָס מיינט אָבער?

פויבסט:

דו נאַרישער ייד, חמור,
קאָנסט עס נישט אַליין כאַפּן?
די טרומנע צוצוקלאפּן,
מוז מען האבן אַ האמער.

צאָלי:

זיינע עמינענץ, פאָטער,
בלויז ס׳זאל אים נישט אויפרעגן,
וואָס איך האלט רק אין פרעגן,
איין פראַגע נאר און פטור — —

פויבסט:

אַ משומד אַ חמור,
הערט ער נישט אויף מיט פראגעס,
ביים „הייל־היט״־דיך, איך זאַג עס:
נ׳דיין קאָפּ כ׳פריוו נאָך אויס נ׳האמער. . . .

# אינזש. מ גילדענמאן (דיאדיא מישא) *

## די געזעצן פון וואַלד

(פון אַ טאָג בוך)

די קאָסע שטראלן פון דער אויפגייענדער זון האבן זיך שוין דורכגעשלאגן דורך די גרינע צווייגלעך, ווען מיר האבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ געדיכטן סאסנע וואַלד, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מיר האבן פון נעכטן אינדערפרי גארנישט געגעסן, האבן מיר דאָך קיין הינגער נישט געפילט. מיר זיינען געוועזן בלויז שטארק ערשעפּט און דאס איינציקע וואָס עס האט זיך געגלוסט, איז זיך אויסציען אויף דער ערד, אויסגלייכן די מידע גלידער און אויף אַ קורצער צייט איינשלאפן. מיר האָבן באשלאסן בלייבן אין דעם געדיכטן וואלד ביז עס וועט ווערן פינצטער און ביינאכט זיך ריכטן ווייטער אויף מזרח. מיינע חברים האבן זיך אַוועקגעלעגט אויף דעם ווייכן, פייכטן מאָך און איך האב באשלאסן באטרכטן די אומגעגענט אויף אַ פאר הונדערט מעטער, בכדי פעסטצושטעלן צי מיר געפינען זיך נישט צו נאָענט פון א דארף אדער אַ וואַלד וועג. מיט דעם איינציקן פיסטאָליעט, וואָס מיר האבן פאַרמאָגט, אין דער האַנט, האָב איך זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון דעם אָרט ווו מיינע חברים זיינען געלעגן. א געמישט געפיל פון פרייד און שרעק האט מיר באַהערשט ווען איך בין אָפּגעגאנגען א פאר צענדליק מעטער. איך האב זיך געפרייט וואָס נאך 14 מאנאטן קנעכטשאפט אין געטא בין איך יעצט אויף דער פריי און מיט געווער אין דער האַנט, מיט וועלכן אין פאל פון אַ נויטווענדיקייט, בין איך גרייט זיך פארטיידיקן ביז דעם לעצטן אָטעם־צוג. עס האט מיר אבער געשראקן דער געהיימענספולער וואַלד און דאָס פארדעכטיקטע שטילקייט וואָס האָט געהערשט אַרום. איך האָב געקוקט מיט שרעק אויף יעדער קוסט און עס האט זיך מיר געדאכט אז פון צווישן די געדיכטע צווייגלעך איז אויף מיר אנגעשטעלט א ביקס. יעדער קוסט וואס האט זיך א טרייסל געטון האט ביי מיר ארויסגערופן אַ גדאנק, אז אונטער אים איז בעהאלטן א שונא, וועלכער וועט זיך באלד וואַרפן אויף מיר. איך האב געשפרייזט לאנגזאם, ארומקוקנדיק זיך פארזיכטיק אין אלע זייטן. ווען איך בין אָפּגעגאַנגען אַ 50 מעטער, איז מיר דורכגעגאנגען אַ געדאנק: „ווי אַזוי וועל איך יעצט טרעפן צוריק צו מיינע חברים? אלע בוימער זאנען דאך אזוי ענלעך איינע צום צווייטן, אז עס איז אונמעגלעך זיי צו אונטערשיידן. אפשר זאל איך מאכן סימנים?"

איך האב אָנגעהויבן איבערלאָזן צייכנס: דאָ האָב איך איינגעבראָכן אַ צווייגעל, דארט האב איך אויף אַן אנגזעענם ארט אוועקגעלייגט אַ גרויסן שוואם מיט ווייסע פינטעלעך. וואָס ווייטער האב איך אָנגעהויבן באמערקן אַ געוויסן אונטעשייד צווישן די בוימער. איין סאסנע, צום ביישפיל, איז געוואָקסן גלייך ווי אַ ליכט, מיט אַ ברייטער קרוין פון צווייגן, וועלכע האבן זיך אָנגע־



פאנגען כמעט ביים שפּיץ. אַ צווייטע דאקעגן איז געווען אַן אויסגעקרימטע מיט נידריקע ברייט צוואַרפענע צווייגן. און אט שטייט אַ שלאנקע יונגע בערעזע צווישן אַן אלטן דעמב און אַ צושפּאָלטענע פון אַ דינער סאסנע. די ווייסע קארע פון דער בערעזע קלאפּט זיך אָפּ אזוי בולט אויף דעם ארומיקן טונקל גרינעם פאַן.

אַ 200 מעטער פון דעם אָרט ווו איך האב איבערגעלאזט מיינע חברים, האב איך אנגעטרפן אויף אַ שמאלער וואַלד־וועג. ביים ראנד איז געשטאנען אַ בויכעוואָטער סטויפּ אויף וועלכן עס איז געווען צוגעקלאַפּט אַ שילדל. אויף דעם שילדל איז געווען אויסגעמאלט אַ פייל וועלכע האט געוויזן די ריכטונג אויף מזרח און עס איז געווען אָנגעשריבן „צום דארף מישיאקאוו 2 קילאמעטער". מיט דעם זעלבן וועג מיט וועלכן איך בין אהער געקומען, לויט מיינע סימנים, האב איך זיך אומגעקערט צו מיינע חברים. צוריק בין איך געגאנגען שנעלער, ווייל איך האב שוין געוואָלט וואָס גיכער זיך טיילן מיט מיינע חברים, מיט מיינע ערשטע איידרוקן, וואָס דער וואַלד האט אויף מיר געמאכט. ווען איך בין צוגעקומען צו מיינע חברים, זיינען זיי אלע געשלאפן. ווי אַזוי וואָלט געווען ווען אנשטאט מיר קומט אהער אַ שונא? ער וואָלט דאך אלע ווי די שעפסן אויסגעשחטן. עס טאר אזוי נישט זיין. אין דער צוקונפט, ווען אלע וועלן שלאפן מוז איינער שטיין אויף דער וואַך. אזוי האב איך באַשלאָסן.

די פרימארגענדיקע וואַלד־לופט האט מיר אָפּגעפרישט. איך האב זיך געפילט גאנץ מונטער און האב באשלאסן נישט אויפוועקן מיינע חברים און א פאר שעה זיין אויף דער וואַך. ווען זיי וועלן זיך אויסשלאפן דאן וועל איך זיך אָפּרוען. איך האב זיך אוועקגעזעצט אויף אַ וואָרצל פון אַ גראבן דעמב און אויפמערקזאם זיך צוגעקוקט צו אלעס ארום. עס האט זיך געגלוסט מיט די אויגן דורכלעכערן דאס געדיכטע געשפענס פון קוסטעס און צווייגלעך, אלעס זעען, אַלעס הערן, בכדי אין דער צייט מיטטיילן מיינע חברים וועגן קלענסטן געפאר וואָס וואָלט זיי געדראָט. איך האב וואָס ווייטער אלץ מערער זיך בארוהיקט און אָנגעהויבן באמערקן, אז עס איז דא גארנישט אזוי שטיל ווי עס האָט מיך פון אָנפאנג אויסגעוויזן. מיין אויער האט אָנגעהויבן אינטערשיידן פארשידענע קלאנגען, וועלכע האבן זיך צוזאמענגעגאָסן אין אַ הארמאנישן וואַלד־ליד. אָט קלאפט איבער מיין קאפּ אַ פיקהאלץ. ער האט זיך איינגעקלאַמערט אין דער הארטער קארע פון אַ דעמב און מיט דעם שנאבל גיט ער צוויי קלאַפּ, רוט זיך אָפּ און קלאפּט ווייטער. נישט ווייט פון מיר הערט זיך פון דעם גראז ריטמישע דינע קלינגען, ווי עמיצער וואָלט געזעגט מיט אַ זילבערנעם דין זעגל. אָט שפרענגט פון איין צווייגל אויף דעם צווייטן אַ געלב פייגעלע מיט אַ שוואַרץ־רויט קעפּעלע אין טשיריקעט אַזוי זארגלאז. נישט ווייט פון דעם ארט ווו איך בין געזעסן האבן זיך אַראָפּגעלאָזט צוויי ווילדע טויבן. זיי זיינען שטיין געבליבן איינע נעבן דער אנדערער, צוגעטוליעט די קעפּעלעך און מורמלען עפּעס אזוי געמיטלעך. הויך אין מיטן

הימל, בעווייזענדיק זיך אַלעמאָל צווישן די געדיכטע צווייגן, קרייזט אַרום אַ גרויסער שוואַרצער רויב פויגל אַרויסלאָזנדיק אַלע מאָל אַגאַרגלענדיקן: „קרו!" „קרו!"

וואָס ווייטער אַלץ מערער איבערצייג איך זיך אַז דער וואַלד איז שוין גאָרנישט אַזוי „טויט שטיל" ווי עס האָט זיך מיר צום אָנפאַנג אויסגעוויזן. אין דער לופט, צווישן די ביימער, אויף דער ערד, צווישן דעם גראָז אומעטום איז פיל מיט לעבעדיקע באַשעפענישן, וועלכע לעבן מיט זייערע באַדערפענישן, האָבן זייערע פריידן און ליידן. עס האָט זיך פאַר מיר, דעם שטאָט מענטש פּלוצלונג אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט, אַן אייגנאַרטיקע, אַן אימפּולסיווע. אויף אַן אַלטן דעמב אַנטקעגן מיר האָט זיך באַוויזן אַ געלער וועווערק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די אונטערשטע לאַפּקעס און מיט די פאָדערשטע האָט ער גיך, גיך געריבן זיין שוואַרץ נעזל. פּלוצלונג האָט ער געגעבן עטליכע האַסטיקע שפּרינג און איז פאַרשוווּנדן אין די געדיכטע צווייגן. אין אַ פּאָר מינוטן אַרום האָט ער זיך ווידער אַמאָל באַוויזן, טראָגנדיק אין מויל צוויי וואַלד־ניסלעך און האָט זיך מיט זיי אַראָפּגעלאָזט אין דער דאָפּלאָ פון בוים, „דער וועווערק גרייט צו שפּייז אויף ווינטער" האָב איך אַ טראַכט געטון. איך בין געזעסן רוהיק, אָן קיינע באַוועגונגען, אַזוי אַז מיין אָנוועזנהייט דאָ האָט נישט געשטערט די אַרומיקע באַשעפענישן פאַרצוזעצן זייער סדר היום, וועלכן איך האָב מיט נייגיריקייט אָבסערווירט. ניט ווייט פון מיר האָט זיך אַ טרייסל געטון אַ קוסט און ס'איז פון אונטער אים אַרויסגעשפּרונגען אַ האָז באַלד נאָך אים האָבן זיך אַרויסגעוויקלט, ווי צוויי קנוילן אומריינע וואַטע, צוויי קליינע האָזלעך. דער אַלטער האָז איז שטיין געבליבן, איין אויער אָבגעשטעלט און דעם צווייטן אַראָפּגעלאָזט, האָט ער געדרייט מיט דעם קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס און געקוקט מיט זיינע גרויסע דערשראָקעלע אויגן. די קליינע האָזלעך האָבן געשפּריגען אַרום אים, מיט נישט זיכערע באַוועגונגען, ווי עס וואָלט זיי געווען שווער זיך אָפּרייסן פון דער ערד. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט דאָס געשריי פון אַ יאַסטרעב. די האָזיכע האָט אַ רייב געטון מיט דעם פּיסק די קליינע האָזלעך, ווי זי וואָלט זיי געוואָרנט וועגן אַ געפאַר. די קליינוואַרג האָט ווי אינסטינקטיוו פאַרשטאַנען זייער מוטער און זיי זיינען באַלד אַלע פאַרשוווּנדן אונטער דעם קוסט. דער רויב פייגל האָט שוין אָבער באַמערקט זיין קרבן און צונויפפלייגנדיק זיינע ברייטע פליגל איז ער ווי אַ שטיין אַ פאַל געטון אויף דעם קוסט וווּ די האָזן האָבן זיך באַהאַלטן. איך האָב נישט געזען וואָס עס איז פאָרגעקומען אונטער דעם קוסט. איך האָב נאָר געהערט דעם גערויש פון אַ געראַנגל און באַלד האָט זיך ווידער אַמאָל בעוויזן דער יאַסטרעב און מאַניפּולירענדיק צווישן די צווייגן זיך באַמיט וואָס שנעלער זיך אַרויסבאַקומען אויף דער פריי. מיט אַ ווילדן געשריי איז ער גיך פאַרשוווּנדן אין דעם העל־בלויען הימל. פון זיין פוס האָט געטריפט טראָפּן טונקל בלוט. אַ דרייסטע האָזיכע, האָב איך אַ טראַכטע געטון — זי האָט באַוויזן צו פאַרטיידיקן אירע קינדער. אַריבער



צוויי שעה בין איך געזעסן און מיט גרויס נייגעריקייט נאָכגעפאָלגט דאָס לעבן פון די פיל באַשעפענישן מיט וועלכע עס איז געווען פול דער געהיימניספולער וואַלד.

פון דעם אַלעמען וואָס איך האָב געזען האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז זייער גאַנץ לעבן באַשטייט פון קאַמף און פאַרטיידיקונג. דער שטאַרקערער זוכט אַ שוואַכערן פון זיך בכדי אים פאַרניכטן. דער שוואַכערער מיידט אויס דעם שטאַרקערן. נאָר אויב ער ווערט שוין דורך אים באַפאַלן, נעמט ער אָן דעם קאַמף און פאַרטיידיקט זיך ביז דעם לעצטן אָטעם־צוג. דאָס איז דער געזעץ פון וואַלד, וועלכן עס דיקטירן די אומשטענדן, די נאַטור, די נויטווענדיקייט און דער אינסטינקט פון זעלבסטפאַרטיידיקונג, וואָס יעדער לעבעדיק באַשעפעניש באַזיצט. דער גרויזאַמער שיקזאַל האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן אויך ווערן וואַלד איינוווינער און דערום דאַרפן מיר אויך איבערנעמען די דאָזיקע געזעצן... קליינע, שוואַכע באַשעפענישן געבן זיך אַן עצה מיט דעם שווערן לעבן אין וואַלד, וועל מיר מענטשן, די קליגסטע פון אַלע חיות דאָ נישט קענען זיך אויסלעבן? מיר דאַרפן זיך בלויז צוגעוווינען צום וואַלד, זיך מיט אים צוזאַמלעבן און זיך אין אים איינגלידערן און דאַן וועלן מיר אַלע שוועריקייטן בייקומען. די דאָזיקע געדאַנקען האָבן מיר אָנגעפילט מיט מוט און האָפענונג און דער וואַלד האָט זיך מיר שוין נישט אויסגעזען אַזוי שרעקלעך ווי אין די ערשטע מינוטן.

די זון איז שוין געווען הויך אין דער מיט הימל, ווען איך האָב אויפגעוועקט איינעם פון מיינע חברים, אים איבערגעגעבן מיין פּיסטאָליעט און גיך איינגעשלאָפן מיט דעם שטאַרקן געזונטן שלאָף פון אַ וואַלד־מענטש.

---

* דיאַדיאַ מישאַ איז דער לעגענדאַרער פּאַרטיזאַנען־פירער פון די אוקראַיִנישע און וואָלינער וועלדער בשעת דער לעצטער מלחמה. פון זיינע רעפּעראַטן דאָ אין לאָנדאָן (ביים אַרבעטער־רינג, ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטיקס) האָבן מיר באַקומען אַ שטיקל אָהנונג פונם מסירת־נפש פון אָט־אָ די טויזנטער אַנאָנימע יידישע העלדן, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַרן יידישן כבוד, פון זייער געוואַלטיקן נקמה־קאַמף פאַרן פאַרגאָסענעם יידישן בלוט.

דיאַדיאַ מישאַ, אינזש. מ. גילדענמאַן, דער פירער פון אַ יידישער פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונג האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ בוך דערציילונגען פונם יידישן פּאַרטיזאַנען לעבן מיטן נאָמען „דער וועג צום זיג" און אויך דאָס בוך „חורבן קאָרעץ". יעצט גרייט ער צו „דאָס טאָג בוך פון אַ יידישן פּאַרטיזאַנען פירער".

מ. גילדענמאַן ווייזט אַרויס אַ שיינעם טאַלענט אין זיינע דערציילונגען. אַ חוץ וואָס טעמאַטיש האָבן זיי אין זיך שוין די דראַמאַטישקייט פון יענע גרויליקע יאָרן, האָט גילדענמאַן אין זיך די נאַטור־נאָנטקייט פון שילדערן און אויפנעמען כל ערליי שטימונגען אין אַ לייכטער אומיטלבאַרער פאָרעם.

## י. קרני (ישראל)

# צווי לידער

1

ביכער אַ פולע כהאב נישט פאַרפאַסט,
אין איינציק בוך איז דאָ אין רימל.
אין הרחב האב איך האלט
איינס איז ס׳בוך מיינס: דער הימל.

ביינאַכט אַ לבנה אויף דער וווינונג מיינער
בייטאָג סע הענגט אויף איר די זון ווי צווייט.
פון אלע הימנען איז פאַר מיר נאר איינער:
ס׳הללויה־ליד.

2

אַ נאַכט־קאַניצל שיינט און לייכט מיר איבערן טיש
מיט צעריסענע איינבענד — פעק אויף פעק —
בענד פון האמער און פון תלמוד אין געמיש:
איינע אויף די צווייטע — ווארשט נאך ווארשט און שטויב — באדעקט.

כ׳מיש אויף גויעשס און ספרי מוסר מיש איך ווי אַ וואַסער:
די איליאַדע און דעם ספר תנייא.
יעטוועדעס בלעטל איז מיר אַ וועלט, אַ לעבן פונדאסניי מבשר
און אלף־בית פייגל ברענגען שפייז מיר אין דער גייסט־אכסניה.

כ׳לייען און לייען די ביכער־אַנטיקן
מיט די נייע אינאיינעם
כ׳גיי פון דור צו דור מיט הארץ־דערקוויקן
כ׳שפאַן אין דורות־הייליקייטן אויס אין איינעם.

און כ׳טו וואָס מיין רבי און מיין מדריך האט געטאָן פאַר מיינע אויגן:
כ׳לייען זייט נאך זייטל און די ראנדן טו איך אָנטאָן,
הערות מיינע אין לומדות, און רוקן־איינגעבויגן
שקר איך אין אַלטן נוסח: כ׳בין דער ענו, דער ייניגער: „אני הקטן!“

יידיש — ש. ספיוואק



## א. מ. פוקס

# טונקלע טעג

### דערציילונג

(המשך)

### 2. די פלאַגערס

וואָס שווערער דער כמאַרע אָנגעדראָלענער ווינטער הימל האָט ווי אַ אייזערנע דעק, מיט זיין בייזער טעמפּקייט טויב און נידריק געהויערט איבער דער וויסטער ליידיקייט פון דער שניי אָנגעפרוירענער וועלט, אַלץ טונקלער האבן געגליווערט די בלינד־גענעפּעלטע טעג, ווי אויסגענאגט פון לעצטן חיות און ווי אָננגעפּלייצט מיט ביטערן רויך פון סכנות, שרעקן און חרפות.

ס׳איז געווען דער גרייליכער באַדרענג פון דער פאַרביסענער יידן שנאה, וואָס האָט געוואָרפן זיין פינצטערע הפקר מאַכט ווי אַ טויט שאָטן איבער די קעפּ פון די גערודפטע און מער פאַרכאַפּט די עלטערע לייט ווי זייערע קינדער, ווי וואויל אלע האָבן זיך מיטן אנטפּלעקטן כוח פונם גלייביקן גאָט בטחון פון די דורות, באַשטענדיק געראַנגעלט מיט די שווערע קלעפּ פון די הארבע נסיונות.

נאָר פאַרט האט די יוגענט געהאט איר אייגענע אָפּגעזונדערטע וועלט פון פריידיק דערהויבענער חיי־שעה, האָפערדיק באַלויכטן פון זייערע באַוויזענע גבירות, אָפּט אין קלעם פון געפערליכע טרעפעניש און די נשמה אָנגעברייט צום ווערדיקן תכלית פון נייעם לעבן. דא איז עס געווען אַ צעבליטער גדלות מיט׳ן אייגענעם לאנד ציון, וואָס האָט ערגעץ פון ווייטנס, נאָר זייער נאָענט, זוניג־העל באַגלאַנצט דאָס געמיט מיט מזלדיקן צוזאָג פון דערלייזונג און גערופן די פאַרוואָגעלטע זין פונם גלות צו דערגרייכונג און אויפקום. דאָ איז עס געווען דער ארומיקער אָפּקלאַנג פון מרידה, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער וועלט מיטן צעפייערטן שטורעם פון איבערקערעניש, וואָס האָט אויך אויפגעברויזט דעם הייסן אָטעם פון די יידישע קינדער פון דער האַראָפּאַשנער אָרעמקייט מיטן שטארקן באַגער פון קאמף און פרייקייט.

אַז מען האָט אין דער גמינע אויפגערופן איינעם נאָכן אנדערן די שטעטלדיקע יונגן צום שטעלונג פאר דער פוילישער אַסענטירונג קאָמיסיע, האָבן זיי, לויטער אויסגעדינטע זעלנער וואָס זענען שוין געהאַט אַהיים געקומען פון די מלחמה שלאַכטפעלדער פונם קיסר פראנץ יאָזעף׳ס באזיגטע עסטרייכער אַרמייען, געניט און גדלותדיק געשטרעקט פאר די שנאהדיקע בליקן פון די אויסגעסטראיעטע פריציִשע אָפיצירן, באַוויזן זייערע נאַקעטע, שטארקע, פאַרברוינטע לייבער ווי יונגע דעמבעביימער, מיט פארהיילטע סמנים פון שיס און שטעך וואונדן. זיי האָבן פריילעך געפינקלט מיט בליציקע אויגן, וואוילעריש א טרעסע געטון מיט אַ האַרטן האָרטשיפּ אויף די קורצע הארטע שטערענס און שפּעטיש זיך געווערטעלט מיט ביטולדיקע געלעכטערס:

— כאַ־כאַ־כאַ, פּאַני קאָמאַנדיר, האב אכט! איך בין געווען אַ קאפּרול ביים זיבן און זיבנציקער רעגימענט אין סערביע.

— איך האָב געקעמפט קעגן די רוסן ביי דער פעסטונג פשעמישל, דאָרט איז געווען זער הייס פאַנאָוויע, הע, הע, מ׳האָט זיך נישט געשפילט מיטן בייטשל...

— איך האָב דעם גרויסן זילבערנעם מעדאַל...

— איך האָב ביי דער שלאַכט פון גאָרליצע אין די קארפעטן בערג, אויפגעטרעטן מיטן באגנעט די בייכער פון די קאָזאַקן, ווי די חזירים...

— כאַ־כאַ־כאַ, אפשר וויל עמיץ פון די פּאַנעס זיך פּרוּוון מיט מיר אַ באָרע טון, דאָ־אָ אויפן אָרט? איך נעם אָן מיט צוויי...

מ׳האָט זיי נישט געענטפערט אויף די שפעטיש־בארימערישע רייד, נאָר מיט בייז אַראָפּגעלאָזטע אויגן פארשריבן די נעמען אויף פּאפּירן און דער קאָמאַנדיר האָט אַלע מאָל גאוואהדיק אַ דריי געטון מיט צוויי פינגער די פארשפּיצטע וואָנצעס און אַ געשריי געטון, אין נעפּלדיק אָנגערויכערטן געפילדער אַריין:

— זדאָלני... אַסענטירט... מארש!... פּשאָקרעוו...

די אָפּגעגעבענע יונגן האָבן זיך ווידער אָנגעטון די בגדים, געגרעגערט מיט די וואַך זעלנער, געשטויסן זיך אויף קאַטאָוועס מיט די גויים, געליאַרעמט, געזונגען, אַרומגעכאַפּט זיך און געהאָפּקעט אַ טענצל און ס׳האָט פון זיי ווי אַ פלאַם געזעצט די ליכטיקע פרייד פון דער הייס־בלוטיקע יונגשאַפט.

די עלטערע לייט, וואָס מען האָט אַלע טאָג צונויפגעטריבן אַהער אין דער גמינע, אָפּצוואַרטן זייער ריי צום שטעלונג, האָבן מיט פּאָטערליכן ברייט נחת אויף זייערע פאַראַרימטע באָרדיקע פּנימער, ברייט צושמייכלטע געקוקט אויף זייערע גראָטענע זין און טיף פאַרבאָרגן אין הארץ האָט זיי שאַרף גענאָגט די זאָרג פון וועגן דעם פאַרהוילענעם גורל וואָס לאָקערט אויף די קינדער. ישראלעלי דער בעדער איז אַזש אַרויס פון די כלים פון לויטער גדילה. ער איז צוהיצט אונטערגעשפּרונגען אַהין און אַהער מיט זיינע צושויבערטער לייבן גריוועס, גלייך ער וואָלט אויך חשק געהאַט צו כאַפּן אַ טענצל און שטאָלץ געשריגן צו זיינע צוויי אָפּגעגעבענע בנים, משה יאַנקל דעם עלטערן און גראַבן ווי אַ קלאָץ און נחום דעם לאַנגן, וואָס האָבן דאָרט אין דער זייטיקער גמינע שטוב צווישן די רעקרוטן, געפירט דאָס רעדל, פריילעך צעפילדערט געהאָפּקעט מיט שיקסלעך גאָר, געזויפן בראַנפן און געשלאָגן זיך מיט שקצים, אַז ס׳מעג זיי שוין אַ רוח אין זייער מאַמעס מאַמען אַריין — די טריפה וואַוילע יונגן, די ווילדע ממזרים זיינע...

— מיטן טאַטן פאַרבראָקט! — האָט אים דער רויטער הערש ביייסיק איבערגעשלאָגן דעם צעיאָכמערטן פּזמון.

— הערסטו וואָס עכל דיר דערציילן, דו געלער לעקיש — האָט אים ישראלעלי ברוגז ווי אַ אָנגעדרודלטער האָן אַריינגעטייטלט מיט אַ פינגער אין אויסגעצערטן פּנים — כ׳האָב מורא, כ׳לעבן אַז דו וועסט דעך שוין נישט דאַרפן איבעריק פלאָגן צום שטעלונג, וועסט שוין אַזוי אויכעט אַ פּנים האָבן... אַ מת צו דער תופה...



— האַ, וואָוע? פלאַגערס? מ׳האָט דאָך איבערגעקערט אַ וועלט, אַיוואַי, געוואַלט יידן, מ׳געדענקט?... ס׳פלעג זיך דאָך אָפּטון חושך אין שטעטל; פלאַגערס, היי, היי, — זאָגט דער רויטער הערש גריילעך פארבליפּט. ער פארצוואנגט אַזש פריידיק זיינע פארלאָשענע האָריקע אויגן, געבלענדט ווי פון אַ שטאַרק ליכט, וואָס האָט פּלוצים פון ערגעץ אַ שיינדל געטון און אַזש געוואָרפן אַ פלאַמיקן אָפּגלאַנץ אויף זיין ברייטער, געזילבערט־רויטער באָרד, און ווי אַ בליץ מיט בלענדיק־שאַרפן פייער־שטראַל געשפּאָלטן דעם שוואַרצן וואָלקן, אָנגעדראָלן מיט וויסטע נויטן, ביטערע אָרעמקייט, פּיין און באַדרענג, אָן אַן ערך. אין די געטיפטע ווייטקייטן פון די פארשוועבטע לעבנס־טעג, ווי פון יענער זייט נעפּלדיק־געטונקלטן הימל־ברעג, איז וואונדערלעך אויפגעשפּראָצט דער חלומדיק־צעשמייכלטער נשמה־בליק פונם צייט־פארוועבטן זכרון, ווי אַן אַנטפּלעקטער אוצר. פארכאַפּט אין עפּעס אַ פרום־פריידיקער דערהויבונג, ווי אין אַ יום־טובדיק באַרוישטן תפילה־געזאַנג, הויבן אויף די עלטערע לייט פאַרייגט־פאַרבענקטע אויגן צו דער סטעליע, די באָרדיקע פּנימער זייטיק, ווי לאַמטערנעס בלייך־באַלויכטענע פון דער מזלדיקער דערמאָנונג אין די בחורשע יאָרן, ווען זיי זיינען געווען פלאַגערס. זיי האָבן פארקלערט, געצמאָקעט מיט די ליפּצן, געקוויקט זיך און האָפּערדיק פארחידושט געמאַכט מיט אַ האַנט אין דער לופטן:

— אַי אַי אַי... פלאַגערס... דעמאָלט אין די גוטע אַלטע צייטן פונם קיסר... היי... היי... טע... טע... טע...

* * *

באַלד נאָך פּסח, ווען די זוניק־געלעכטיקע פריילינג־טעג נעמען מילד און וואַרעם אויסטריקענען די לעצטע שוואַרצע ווינטער־בלאָטעס און די פארהאָוועט־צעפּייפּטע שוואַרצע שוואַלבן מיט ווייסע געפלעק, וואָס זענען שוין צוריקגעקומען פון די וואַרעמע לענדער, פליען איילנדיק־נידריק, כאַפּן אין די שנעבעלעך שטיקלעך פּעטע בלאָטע און בויען פלייסיק־פארהאָוועט זייערע ערד־נעסטן אונטער די שינדלענע דעכער־סטריכעס, האָט זיך אָנגעהויבן אין לאַנד גאַליציע די שטעלונג צו די קלאַסן. די צעשויבערטע קוואַקעס פון די יידישע געקאַלעכטע שטיבער פירן שוין אויף די מיסט־בערגלעך פאַר די טירן זייערע פּיצלעך גאָלדן־געלע פּעכקע הינדעלעך, זוכן צוגעקערט מיט די שנאַבלען און גראַבלען זערנעס פון דער שוואַרצער וואַרעם־צעיערטער ערד. הימל־אָרעמע אינגלעך גייען שוין באָרוועס, די גליענדיקע זון אין די בלאָע הייכן בלאַסקעט מיט קלאָרע זילבער־פלעקן אויף די קרומלעכע פענצטער שויבן פון די ליימענע הייזלעך. ס׳שפּראָצט זאַפטיק־קלעפּיק גרינס אין די גערטענער, אין די ריוועס און ס׳ווערן בלענדיק שווער אָפּגעשיט די ביימער מיט זילבעריק ווייסן און בלעלעך רויזן קאַרשן און עפּל־בליאונג. די מאַמעס אין די געבלימלטע קאָפּ־פאַטשיילעס, די פּנימער אויסגעלייטערט, זיצן אויף די שוועלן פון די געעפנטע שטוב־טירן און שיילן קאַרטאָפל אין ערדענע טעפּ, ס׳פאַרשמעקט זיס מיט פרישער מילך פון געקעלבטע בהמות. ביי די

פאַרהאָוועטע טאַטעס אין די געוועלבער, אין מאַרק, אין די ווערקשטעלן, זענען די בערד וואַכנדיק פאַרזאָרגט פון פּרנסה, די הענט פאַרהאָרעוועט, די אויגן פאַרטראָגן אין שווערן עול פון די טעג. ס׳בליען מנוחה׳דיק־ברייט די ליכטיקע שבתים מיט ברייט־צעגלאַנצטע שטריימלען און שוואַרצע, פּאַר־גאַרטלטע בעקעשעס, מיט צעפינקלטע, מעשענע בענטש־לייכטער, אויף ווייס געדעקטע טישן מיט זאַטער סעודה. יידן אין ברייטע טליתים דאַווענען דער־הויבן באַגלאַנצטע מיט שול־הייליקייט, מיט גאָטס־פּאַרכטיקייט און תפילה געזאַנגען.

צום ערשט נעמט דער אַלטער יאַנדרוך דער פּאַכאַלניק, באָרוועס, אין זיין רויטן צעפליקטן מונדיר מיט מעשענע קנעפּ, פאַרבונדן מיט אַ שטריק, זיין גרויסע, פאַרזשאַווערטע שווערד, אָנגעגורט אויף די לענדן, די מאָרדע באַוואַקסן מיט האָר־שטעכערס, ווי די שטרוי־וואָרצל פון אַן אָפּגעשניטן פעלד, בלינד אויף איין אויג און מיט אַ מורא׳דיקער מעשענער טשאַקע אויפן קאָפּ, „נא גוואלט" אין קרומלעכן מאַרק גלאָק, ווי ביי אַ שרפה אויפן יאַריד. דערנאָך שטעלט ער זיך אַוועק אין מיטן מאַרק אויף אַ גוי׳אישן לייטער־וואָגן און ער פּויקט הויך און שרעקיק אין זיין גרויסער, געלאַטערטער פּויק, אַזש ס׳זאַמעלט זיך איין אַ געזעמל מענטשן — יידן אין פאַרמעליקטע טיזליקעס, גויים מיט די סטאַנעס איבער די הויזן, ווייבער אין טערקישע שאַלן מיט נייגעריק פאַרשפּיצטע פּנימער, אינגלעך מיט צעריסענע היטל דאַשקעס איבער די אויגן. ער נעמט הייזעריק שרייען און אויסרופן מיט אַ הויך, שטרענג קול פון זיין קרומלעך שוואַרץ־אויפגעריסן מויל:

— מענטשן, מענטשן, אַהער גייט, אַלע גוטע לייט, אַהער קומט, וועלן מיר אייך באַלד דערציילן די נייעס, וואָס דער קיסר פון עסטרייך און קעניג פון אונגאַרן, בעהמען, גאַליציע, אי טאַק דאַליע, האָט געטון אַרויסלאָזן צום פאָלק, אַז אַלע יונגעלייט, וואָס זענען היי־יאָר אין עלטער פון איין און צוואַנציק יאָר, וועלן זיך מוזן גיין שטעלן קיין זלאַטשעוו צו דער אַסענטירונג־קאָמיסיע, צום מיליטער, פאַר אַ זעלנער. גיב גאָט מזל און געזונט, אַלע וואוילע שטאָטלייט, אַז נישט וועט מען כאַפּן און באַשטראָפן מיט דריי יאָר זיצן אין אַרעסט! הערט, הערט, באַלעבאַטים פיינע, געדענקט און פאַרגעסט נישט וואָס דער קיסר טוט אייך אָנזאָגן מיטן שטרענגן געשריפט פון זיין מאַיעסטעט׳ס באַפעל, הוראַ!

די שטעטלדיקע חתן־בחורים, אין די שטעלונג יאָרן, קורצע און קרעפּקע, אין לאַנגע, שוואַרצע איבערציערס מיט סאַמעטענע קעלנערלעך, געקאָוועטע שטיוול און קיילעכדיקע, טוכענע היט אויף גלאַטיק־געשוירענע האַרטע קעפּ מיט שוואַרץ־שפּראָצנדיקע בערדלעך, די קליינע פּאות וואוילעריש געקרייזלט, פאַרלייגט אונטער די אויערן, די קינדער פון דער אָרעמקייט, וואָס האָבן אין חדר אויסגעלערנט עברי און אַ פּרשה חומש מיט רש״י, די און גאָטספאָרכטיק אין שול ביים דאַווענען, פאַרהאָוועטע סוחרים, האָרעפּאַשנע בעל־מלאכות און פאָרמאַנעס, אָפּגעפּיינטע טאַטנס זינדלעך, אַלע אין איי־



נעם, פלעגן זיי מיט שוואַרץ־צוגלאַנצטע אויגן פון גדולה און האָפערדיק זיך באַלד נעמען פלאַגן, כדי אַזוי שלעכט אויסצוזען ביי דער אַסענטירונג, אַז מען זאָל זיי מוזן באַפרייען פון מיליטער דינסט.

פלייש פלעגן די פלאַגערס עסן בלויז לכבוד שבת. אין דער וואָכן האָבן זיי געגעסן וואָרצלען כריין, אַ סך רעטעך מיט ציבעלע, זויערן שמאַטע־באָרשט פון קוואַסאָק, אַלט־געבאַקן פּיסנע ברויט, פאַרסטאָיעטע בולבעס אין דער שאָלעכץ, אָן זאַלץ; האַרטע אַרבעס, רוי קרויט, און געהאַקטע קראָפּיווע. זיי האָבן איינגענומען אינדיק־זאָמען צום אָפּפירן און טייוול־קרייטעך צו פאַרשטאָפּונג. זיי האָבן געטרונקען אַזויפיל טעפּ עסיק מיט פּילען אַז ס׳האָט זיי פאַריסן די געדערים פון שאַרפן זויער וויטיק און ביטערן בראַנד. גערויכערט האָבן זיי ציגאַרלעך פון בוים־קאָרע, כדי צו קענען הוסטן און אויף די בלויזע לייבער האָבן זיי געטראָגן שטעכיקע זאַק־לייוונט, פאַרקניפּט מיט שטריק. זיי האָבן געפאַסט יעדן צווייטן טאָג, און פרייטאָג אין מרחץ האָבן זיי געשוויצט אויף דער אויבערשטער באַנק ביז חלשות, כדי אָפּצונעמען לייב. די פלאַגערס האָבן נישט געטאָרט שלאָפן כדי צו ווערן מאָגער. בחברותא זענען זיי אויף־געוועזן דורך די נעכט. זיי האָבן כסדר געהוליעט, געוואויוועט, געפילדערט און אָפּגעטון שפּיצלעך די שטאָטלייט. זיי פלעגן פאַרבייטן די שילדן פון די געוועלבער אין מאַרק, אַרויסרייסן די העלצער פון די פּלויטן, אויסגעהייצט אין קלויז־אויוון און מען האָט געבראָטן די גע׳גנב׳עטע הינערשע אייער פון די בוידעמס, עפּל און קאַרטאָפל פון די קעלערס. זיי האָבן פאַרשלעפּט וואָגנס אין טייך אַריין, אָפּגעריסן דעם שטרוי־דאַך פונם מלמד׳ס חדר, דעם בלעכערנעם האָן פונם גמינע־טורעמל, איבערגעקערט דעם גלאָק אין מאַרק, צעהאַקט דעם שיפן שטעטל־לאַמטערן און אַרויסגעדרייט דעם אייזערנעם פּלומפּ פון דער קערניצע. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט דעם שמש׳ס באָק פונם שטעלכל, אים אָנגעטון אַ צופליקטע קאַפּאָטע מיט אַן אַלט שטריימל און אים אָנגעבונדן אויפן גאַניק פונם חזנ׳ס שטוב. דעם גלח׳ס גענז האָט מען באַהאַלטן ביים רב אויפן בוידעם און דעם פּריצ׳ס בריטשקע האָט מען געפונען אין שעכט יאַטקע. זיי האָבן אויסגעמעלקט קי אין די שטאַלן און פון די קאַפּעליושן געטרונקען די מילך. ביי די נגידישע בעל־הבית׳טעס האָט מען פון די שפּייז־קאַמערן אַרויסגעגנבעט סלאָיעס איינגעמאַכטס, טעפּ האָניק, שאָפּענע קעזלעך, פּוטער געבעקס, אייער־קוכנס מיט ראָזשינקעס, מערביקע מאָן־פלעצלעך מיט זאַלץ, צוקער־בייגל מיט מאַנדלען און ציבעלע־קנישעס מיט קעז. פון די שענקן האָט מען אַרויסגעטראָגן אונטער די פּאָלעס פלעשער וויין, פעסלעך ביר און קריגלעך בראַנפן. אין דער אַלטער מיל הינטערן טייך האָט מען געפּראַוועט פריילעכע סעודות, געגנאַשט, געגעסן און געזויפן, ביז אין ווייסן טאָג אַריין, ווען ס׳נעמען קרייען די הענער און זיי זענען געוואָרן פעט, ווי געשטאָפּטע אינדיקעס. זיי האָבן אין מיטן נאַכט אָנגעקלאַפּט אין די שטוב פענצטער, אויפגעוועקט די כלה־מיידן פונם שלאָף און איבערגעשראָקן די ווייבער מיט צעמיוקעטע קולות און פאַרסאַזשעטע פּנימער, ווי שדים, מיט די

הערנער אויף די קעפּ. די הענט פאַרלייגט איינער אויפן אַנדערנס אַקסל, האָבן די פלאַגערס, וואַרפנדיק די פיס אין טיף נאַכטיק בלייכן לבנה־שיין מיט לאַנגע, שוואַרצע שאָטנס, געטאַנצט אַ קאָלאָמייקע, געזונגען מיט בגילופנדיקע צעפלאַמטע נעז לוסטיקע, ייִדישע לידלעך און צוגאָרגלט־חזנישע געצויגענע שטיקלעך פון די שול־תּפילות:

— א־א־א, ו־טהר לב־נו, לבנו — אוי, לעב־בד־ך, לעבדך בא־א־מת, בא—מת, באמ־ת, טאַטע זיסער!...

דער געדריידלטער ניגון פלאַטערט פאַרבענקט אין דער טיפער בלאַ־צושיינטער נאַכט־שטילקייט און ווערט פאַרכאַפּט אין גדלות־געהויבענעם שטעל פונם פריילעך־אומעטיקן פלאַגער־לידל וואָס האָט גע'שמ'ט אין גאַנצן לאַנד גאַליציע:

„אוי, בין עך מיר אַ פלאַגערל,
אַ וואוילס און אַ פיינס:
אַ גאַנצן טאָג איז אַלצדינג דיינס;
אַ גאַנצע נאַכט איז גאָטס און מיינס.
אַ פלאַגערל מלא חן און דעם קייזער דינען מוזטו גיין.

אוי, ווײ, אַ זעלנערל, אַ ייִדיש קינד,
אַ שווערדל מיט אַ בלויזן שרינט;
קלאָגט די מאַמע מיט געוויין:
אוי, דעם קיסר דינען מוזטו גיין!
אַ פלאַגערל מלא חן און דעם קייזער דינען מוזטו גיין.

דאָס יונגע האַרץ איז שוין פול אָנגעזאַפּט מיטן זיסן טרויער פון די דרעמלענדיקע צעבליטעביימער, חלומדיק פאַרוועבט אין הארבן שווייגן פון פאַרהוילענע מזלות און די פלאַגערס זינגען שוין מיט טרערן־פאַרפלייצט אָטעם־ צאַפּל:

„השכבנו, איי איי, השכבנו לשלום
והעמידנו לחיים, אוי לחיים טובים“...

נאָר מיט אַמאָל טוט אַ פלאַקער די באַרוישטע פרייד פון הייסן געמיט און זיי כאַפּן אונטער מיט האָפערדיק צעטראָגענע קולות:

„האָסטו,ביילע, גוטן מעד,
גיב זשע מיר דעם הייקער;
ווילסטו מיינען, אַז ס'איז שוין שפּעט,
צוועלף ערשט איז דער זייגער“.

פונם טיף בלאָען אויסגעשטערנטן הימל געצעלט ווי אָנגעזעצט מיט צע־פינקלטע דימענטן, קוקט אַראָפּ דאָס פולע בלייך־צעשמייכלטע לבנה־פּנים מיט קילן חלום־גלאַנץ, וואָס שפּיגלט אַ זילבערן טעלערל אויף שיפּע, שוואַר־צע פענצטער־שויבן, ווי אַ יענע־וועלטיקע, פאַרהוילענע בליאונג. ערגעץ וועקט זיך אַ נאַכטיקער שפּילפויגל מיט זיין קלאָר־געצויגענעם פייף־געדריידל,



וואוילעריש צעקלונגען אין דעם פריילעך פאַרשייטן גאַליציאַנער לידל, וואָס די פלאַגערס זינגען אונטער די פענצטער פון די כלה־מיידן:

„אוי דער קיסר הייסט פראַיעם יאָסל,
דער חתן וואוינט אין גוי'אישן געסל.
אין שטעטל איז אַ חתונה,
אין דאָרף איז אַ שרפה.
מ'פירט די כלה אין מקווה,
ווערט זי נעבעך טריפה“.

— שאַ... שאַ... חברה־לצים, געוואַלט, דער זשאַנדאַר גייט!

— או וואַ, גוט און וואויל. נו, מ'דאַרף אים בעסער אָנרייבן אַ מאָרדע... קינדער, לאָמיר אים נעמען אויף דער האָצקע...

גאַווהדיק־געשטרעקט, מיט געלע, לאַנגע פאַרדרייטע וואָנצעס, אויסגע־סטראָיעט אין גרינעם מונדיר, מיט די מעשענע קנעפּ, וואָס פינקלען גילדן אין מאַטן לבנה־ליכט, שפּאַנט שטרענג מיט געמאָסטענע טריט, פּאַן וואַלעקסי שטשופּאַק, דער שטעטל־זשאַנדאַר. די ביקס אויפן אַקסל, די ברייטע שווערד אָנגעגורט אויף די שטאַרקע לענדן און זיין מוראדיק שוואַרצער שאָטן שניידט זיך לאַנג און שאַרף איבערן בלייכן, שטילן וועג. אויפן הויכן זשמוט גילדענע האָן פעדערן, וואָס אויף זיין גרינעם הוט, ציטערן ווי דעמענט־פליטערלעך; דער גלאַנציקער שטערן־שיין פון דער זילבערדיק־בלאָער הימל־טיפקייט. זיין וואַכער בליק נישטערט מיט גרינלעכן שמאָלן פלעמל שיין ווי ביי אַ גרימיקן קאָטער, וואָס לאָקערט אין דער נאַכט־שטילקייט איבער די געשפּיצטע שינדל־דעכער פון שלאָפנדיקע ייִדישע הייזלעך.

— אַהאַ, פּשיאַקרעוו, די זשידקעס טון שוין אָפּ דאָ מעשים אין שטעטל... מ'טאָר נישט ברעכן ס'געזעץ. ס'דאַרף זיין רו און אָרדנונג, לויט דעם קיסר'ס געבאָט!

ער האָט בדעה צו כאַפּן די פלאַגערס, צו פאַרשרייבן זייערע נעמען אין זיין ביכעלע און דערנאָך זיי צו מאַכן אַ קלאַגע קיין זלאַטשעוו צום געריכט, אַז מען זאָל באַשטראָפן און איינזעצן אין אַרעשט אויף זעקס חדשים. נאָר אין שול־געסל טון פלוצים די חברה פלאַגערס אַ שפּרונג אויף אים פון אַלע זייטן. זיי וואַרפן אים אַרויף אַ זאַק איבערן קאָפּ, ברעכן אים גוט אָן די ביינער, פאַרשטאָפּן אים ס'מויל מיט אַ שמאַטע־קנוידל, בינדן אים מיט אַ שטריק, ווי אַ באָק, און מאַכן אים אַ ביינאַכטיקע לויה אויף קאַטאָוועס, צולייגט אויף אַ לאָקשן־ברעט און איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצער קאַפּאָטע, טראָגט מען אים אויף די אַקסלען ווי אַ מת און מען קלאַפּט מיט אַ פלאָקן אין אַ בלעכערנעם טאָפּ: צדקה קראַץ מעד... דערנאָך לייגט מען אים אַוועק אויפן גרויסן שטיין אין מיטן מאַרק, אַ בעזעם אָנגעגורט אויף די לענדן, אנשטאָט דער שווערד און אַ קאָטשערע אין די הענט אנשטאָט דער ביקס. מען איז אים מספּיד מיט לצנותדיק געפּעפּערטע ווערטלעך צום וויינענדיקן ניגון און צום גראַם און מען זאָגט אים אָן מיטן הארבן וואָרט:

— פּאַניע וואַכטמייסטער, הערסט וואָס מען רעדט צו דיר? מיט אונזערע פלאַגערס שפּילט מען זיך נישט... געדענק זשע! ליג און ריר זיך נישט, ביז צום פּראַזניק...

(המשך קומט)

## א. נ. שטענצל

# יהודית

(באַלאַדע)

I

שוין גרייטן זיך אלע צום אונטערגעבן,
דער מיט פאראט און דער מיט אייגן לעבן;
הינטערן רוקן עס הערט שוין אַ יעדער,
דאָס שפּאָט־געלעכטער פון בלוטיקן שונא,
ווי פון זיין רייטוואָגן די שווערע רעדער.

קניענדיק איבער די אייגענע שפּיזן,
פאלן פארבלוטיקטע די שטארקסטע ריזן!
פול איז די שטאט מיט טויט און מיט אימה — — —
נאר צווישן הונגער־און דארשט פארחלומטע,
שאַרן זיך פּיס־טריט, ווונדערלעך געהיימע.

אַ משוגענע איר קינד אויפגעגעסן,
איז זי איצט פון בייזע רוחות באזעסן?
ווי פייערדיק עס פינקלען אירע אויגן —
פארגיפטיקטע פיילן, שארפע געשפּיצטע,
אין צילפונקט געשליידערט פון אַ בויגן.

ווי שטאלץ זי גייט, ווי געשפּאנט אנגעצויגן,
אן אדער שטייף איבער א פיילנבויגן,
א סטראיענדיקע סטרונע איבער אַ הארפע,
צו שוועבנדיקן טאנץ, צו געהויבענעם,
איבער שליפן פון שווערדן, בלאנקע שארפע.

נישט זי גייט — טענץ אין איר, צעוויגט, צעטאַנצטע!
שווערד־קלינגען, געשליפענע צעגלאנצטע,
בלאנקען אירע פערשט אין בלוטיקן דעמער — — —
יאָ, זי וועט זיגן מיט איר צעזינגטן גאנג:
די זון גייט אַקייגן אַ פולער עמער —

— — — — — — — — — — — — — — — —

זון פארגייט, אבער ווידער וועט זי שיינען!
אָ, מיינע אויגן פולע מיט געוויינען
ווי זיי ליכטיקן, ווי זוניק זיי גלאנצן — —
גאָט, אַז געאייביקט דיין נאמען זאל בלייבן,
נישט פארטיליקן אונז קענסט דו אינגאנצן.



גאט, ביזט דו נישט די זון און מיר דיין שאטן,
דערפאר פון אלע אויף דער ערד געטראָטן?
ווי עס טאנצן מיינע פיס דיר אַנטקייגן:
אַז אייביק פארוואָרצלט ס׳זאל בלייבן דער בוים
מוזן וועלק־בלעטער פאלן פון די צווייגן — —

אָ, מיין הארץ פול מיט צוקנדיקע בליצן,
מיט לעצטן טאנץ פון „כלו כל הקיצין״!
אַ וועלק־בלעטל פון ווירבל־ווינט פארטראגן,
טאנץ איך איבער צעשטויבטן אונזער לעבן — —
זע, מיינע ליפּן זאפטיקן מיט זאגן:

„דאָס פאלק — אבער נישט גאָט קאן מען באַזיגן!
א קינד אין טראכט אין מיין לייב כ׳טו אים וויגן;
קאן ווער אין הארץ די ליבשאפט פארטיליקן?
האלאפארנעס, גאטס בלוטיקע שווערד דו ביזט,
די קלינג בלויז, זיין ווילן צו באַווייליקן.

„נישט זעאונגען, נישט שטראף רייד, נישט וואר־זאָגן,
מיט מיין בויך־טאנץ האב איך גאט אויסגעטראגן!
אַ נביאהטע איך בין, האלאפארנעס,
ווי ווערטער רייסן זיך פון מיר שווערדן־טאנץ,
מיט מיינע שריט צו דיר כ׳בין געוואָרן עס — — —״

II

אין זייער פארצווייפלונג, אין זייער טרויער,
דעם שאטן ארויסשלייכן פונם טויער,
האבן נישט געזען די יידישע וועכטער,
און נישט די שונאים, די זיג־צעטומלטע,
וואקלדיקע פון שכרות און געלעכטער.

אין פאלדן פון נאכט א צעטאנצטן שאטן,
איז גארנישט פארווערט און גארנישט פארבאטן,
ער שוועבט פארביי נאכגלאָצנדיקע בליקן,
זיך וויגנדיק אויף פליגל פון געזאנגען,
לייכט באגלייטנדיק פון לויטער ענטציקן.

ס׳ציטערט אין איר יעדער ריר, יעדע תנועה —
מיט אזא טאַנץ האט מרים הנביאה
די גאנצע אומה מיט זיך מיטגעריסן!
ווי אומענדלעך ס׳שטרעקן זיך אירע גלידער —
האָט זיך נישט גאָט צו איר אצינד באַוויזן?

און אזוי ביז האלאפארנעס געצעלטן!
פארן אַריינגאנג, דעם פאקל צעהעלטן,
מיטן אַ פּאָזע איז זי שטיינגעבליבן — — —
און ער אויף געלעגער שוין איינשלאפנדיק,
האָט ווי אַ טרוים פון אויג זיך אויסגעריבן,

און מיט אָפענעם בליק ווייטער געשלאפן;
פון אַ שייד אַרויס ווו עס שטייט זיין וואָפן,
זי ציט אים ארויס צום טאנץ פון די שווערדן — —
ווי וואָליק ווייך יעדער שוועב פון איר לייב,
איר שריט — אַ כלה וואָס גייט צום באשערטן —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען זיין קאפּ, אַן אָפּגעהאקטן, קאלטן,
אין אירע הענט זי האט אים שוין געהאלטן,
האָט האָלאָפאָרנעס בליק פארחלומט אָפן,
געקוקט אלץ אויף איר מיט זיסן ענטציקן;
אזא שיינקייט האט ווער ווען שוין געטראפן?

אירע אויגן באחנטע, ווילד צעשיינטע,
מיט גאטס בלאנקע שווערד א בלוטיק פעראיינטע!
און ווי מיט א טענצער אַרומגענומען,
זיין קאפּ אויף אַקסל פארחלומט צעשמייכלט,
אַ צעזינגטע אין שטאט צוריקגעקומען:

„נישט גוט געהיטן די טוירן, איר וועכטער,
ווען יהודית, איינע פון אירע טעכטער,
ארויס איז איר געליבטן אויפצוזוכן — — —
כ׳האב אים געפונען, דעם וואָס מיין הארץ האט ליב!
אָ, שטארק ווי די ליבע איז דער נצחון — — —

„אַ מאמע, וואָס האט איר קינד אויפגעגעסן,
בין איך איצט פון בייזע רוחות באזעסן״!
און ווען גאנצע שטאט אן אויפגעציטערטע,
פון נצחון־פרייד און טאנץ־קאראהאדן,
שעפּטשען שטיל אירע ליפּן פארביטערטע:

„נישט אַ נביאהטע כ׳בין, האָלאָפאָרנעס,
נישט יעל — דבורה איז געווארן עס!
נישט גאטס בליק — דיינע פארחלומטע אויגן
וועלן אייביק איבער מיר בלייבן אפן,
ווי איך — איבער דיין קאפּ בלוטיק געבויגן.״



## פון דער קאסע „מניח עד שיבא אליהו״ *...

נישט פונם דאָלאַרן־אַפּיל געזשאַב,
נישט פון די פונטלעך וואָס מען קראצט דאָ צוזאַם,
נישט פון די שלך־שלי משיחלעך שליחלעך —
דאָס אַלצדינג ס׳איז קוים אַ טפה מין הים!

אַז אַ פערטל פאַלט אין וואַסער אַריין,
און אַ צווייט פערטל דערפון נעמט צו די וואַנט,
איז אין ישראל, פונקט ווי אין גלות,
שטרעקט דער אָרעמאַן אויס אַ פאַרשעמטע האַנט.

וויפיל מען נעמט נישט מעשר און תרומה,
גייט אלץ די חלה אין דער מוציא אַריין!
עסט דער פקיד לעצט פעדעמל פלייש קוים,
און דער פליט דאָס ביטערע פונם כריין.

און ווען אויף די באַנקנאָטן־באַנקעטן
עס נעמט שוימען שוין מיט ריינלענדישן ווייַן,
פאַלט פון רייכן טיש אַראָפּ, במחילה —
פון שייטערהויפן אַ פארסמאַליעטער ביין.

אַז יעדעס רענדל איז אַן אָפּגעטוישטס,
פלאַצן פון די גלאַטע מטבעות די זעק,
און נישט פאר אשר־יצרלעך צומאָל,
נאָך „דער סעודהניו״, קען מען ניצן די טשעק.

מילא יין־דייטש איז שוין גלאַט־כשר,
מיר האָבן דאָך אַ פרומען „זיין עקסעלענץ״,
און דערצו חסידי־אומות־העולם,
אויפצושרעקן „אין די פעדערן״ די גענז...

מען וועט שוין באַלד גוטע דייטשלעך נעמען,
צו שרייען דעם „פלישתים עלך ישראל״!
און די זעקס מיליאָן אין קרעמאַטאָריומס,
טראַנספערירן מיט רעפרידזשערייטאָרס אַ צאָל.

---

* לויטן תלמוד, ווען ס׳קומט אויס אַ דין־תורה, וועמען דער „מנה״, די הונדערט גילדן, געהערן, ראובנען אדער שמעונען, פסקנט מען „יהי מנוח מניח עד שיבא אליהו״, דאס געלד זאל בלייבן ליגן ביז משיח וועט קומען.

„די אויפרעגונג״ אין דעם צייט־ליד, איז בעיקר, וואָס אויפן באַנקעט פון די לאַנדאָנער מיליאָנערן מיט גענעראַל סמאטס בראש, לכבוד פרעזידענט וייצמאַנס יובל, האט מען געטרונקען ריינלענדישן ווייַן.

אַ דיפּלאָמאַטן־קאָר גראַבלט זיך נישט,
אין שייטער־הויפן־אַש, אין קדושים־בלוט;
פּאָליטיק איז נישט הינטערן אויוון!
פאַר מלא־רחמימס איז דאָס בית־מדרש גוט —

איז דער גלות נישט אַ לויה נאָר
פאַר דעם אַפּיל־הגדול־פּושקע־געקלאַפּ,
ווי די תורה, שטיקלעך עליות נאָך,
פאַר וואָס גרעסערן מי־שנדר־געכאַפּ?...

אָבער נישט „מלא׳ס", צומאָל נישט שנדר׳ס,
קענען פול מאכן אַ לעכערדיקן זאַק,
ס׳וועט קוים געגוגן צונויפצודזשאָבען,
דעם אַפּיל־דירעקטאָרס עלעגאַנטן פראַק — — —

איז ווי אַזוי וועט ישראל אויפגעבויט,
מיט חילות, מיט פליערס, מיט אַ ים־פלאָט,
און מיט קאָנסולאַטן־עקסעלענצן,
דער ייד זאָל נישט זיין מער צו שאַנד און צו שפּאָט?

און מיט בלוי־ווייסע פענער אין ווינד,
וואָס פלאַטערן ווי דער גלות אַזוי לאנג,
אויף אייל און מעטער כאָטש אויסצומעסטן,
ווי די שליפעס פון יעדן העכערן ראנג?

„...מניח עד שיבוא אליהו" — —
פון יענער פול־געשטאָפּטער קאַסע מסתם,
וואָס אירע רענדלעך, גאָלדענע שווערע,
נישט אָפּצוציילן ווי די זעמדלעך ביים ים.

קאָן ווער ציילן די שטערן אין הימל,
ווען זיי גלימערן ווי די מילגרוימען גרויס,
אַזוי די רענדלעך, גין־גאָלדן גלאַנצן,
ווען זיי שיטן זיך פון דער קאַסע אַרויס.

אַ קאַסע וואָס מערער מען נעמט פון איר,
אַלץ מערער די ברכה קומט אין איר אַריין,
ווי אַ ישראל־טאוסט, אַ צעשוימטער,
איבער אַ בעכער־פול מיט ריינלענדישן וויין.

„...מונח עד שיבוא אליהו" — —
אַ שפּאָר־קאַסע ווי דער גלות אַזוי גרויס!



פון קלענסטן דין־תורה׳לע — אַ מנה,
און ערשט פון בורורתן פאַר דור איין דור אויס — —

און וויפיל מציאות, וויפיל מסחרים,
און וויפיל מחלוקות און גערייסעריי — —
וויפיל דיינים איבער יעדן אָקס,
און איבער אַ נאָך נישט געבוירענעם איי — —

אַ פול געשטאָפּטער בויך־קאַסע, אַזאַ,
אַזש ס׳קריכן שוין איר די רענדלעך פונם האלדז!
און ווען נישט אליהו זאָל זי היטן,
ווער ווייסט וואָס געוואָרן פון אונז און פון אלץ — — —

אַ ווונדער וואָס דער גלות אַזוי לאנג,
אַז אַזויפיל ממתקים נויטיק אַצינד?!
און ס׳זאָל נאָר סטייען, ווען נישט חלילה,
וועט דאָך זיין צו אונז, אַז אָך און ווי און ווינד —

אַז פאַרן ליוורייי בלויז פונם לאַקיי,
און פאר אַפּיל־דירעקטאָרס זיידענעם פראַק,
ווער ווייסט ווי לאַנג אליהו נעבעך,
געגאַנגען אין זיין קלייד פון האָר און פון זאַק.

---

## מארקוס קאהען

## די סיבירער קאזאקן אין לאנדאן

געטראפן אהיים. די קוזינע האט מיר דערלאנגט הערינג מיט ברויט און טיי. אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט, עלף אַ זייגער איז איר מאן געקומען פון דער אַרבעט. זי האט מיך פארגעשטעלט, געזאגט אים ווער איך בין און ער זאגט וועגן מיר נבואות: „דו זעסט דעם אָפּגעריסענעם טרעמפּ? אַז אין זעקס מאנאט ארום וועסטו אים נישט דערקענען. ער וועט ווערן אַ גאנצער אריסטאקראט!" נאר זיינע נבואות זענען נישט מקוים געוואָרן. איך בין גאר געוואָרן אן אַנארכיסט, וואָס איז דאן געווען אין דער מאדע.

אַוועק שלאפן. אויף מארגן גאנץ פרי אוועק צו דער ארבעט.

ווי איך האב נישט געוואָלט זיין נאענט מיט גערשקען, האב איך זיך אַריינגעצויגן מיט אים אויף זיין קוואַרטיר.

דורך דער וואָך הער איך די קוזינע זאגן אַ פאר מאל: „וואָס, שוין ווייטער נישטא קיין ברויט!" ווי זאגט מען, אויפן גנב ברענט דאס היטל... צי זי האט געמיינט מיך, צי איר דארמאיעדניק, דאס האב איך נישט געוואוסט. נאר איך האב תמיד געבעטן דעם רבונו של עולם, אז ער זאל מיך אויסהיטן צו זיין אַ לאסט!

פרייטאג, פינף דעם זייגער, האט מיר מיין מייסטער געגעבן צוועלף שילינג און געזאגט, אז מיינע שכירות וועט זיין פערצן שילינג אַ וואָך ביז פסח; און נאך פסח וועל איך קריגן אַ פונט. איך האב דער קוזינע דערלאנגט צען שילינג און איר געלאזט וויסן, אַז זונטאג צי איך זיך אריין מיט מיין חבר, וועלכער שלאפט אַליין אין אַ ברייטער, אייזערנער בעט. ווי עס האט אויסגעוויזן האט זי זיך נישט גענומען שטארק צום הארצן. זי האט מיר געוואונטשן, אז עס זאל זיין מיט מזל און איך זאל נישט זיין פרעמד.

זונטיג האב איך זיך אַריינגעצויגן צו גערשקען, און שלאפן שוין מיט אים אַליין אין אַ ברייטער, אייזערנער בעט.

מיר נעמען זיך אַרויף אויף שותפות אַ הערינג אויף וועטשערע, די באַלעבאָסטע גיט אונז הייס וואסער און רעכנט אונז נישט און איז זער צופרידן, ווייל נאך צוויי שילינג א וואך איז איר גוט צונוץ געקומען, ווייל איר מאן האָט אין גאנצן פאַרדינט אכצן שילינג אַ וואָך און זיי האָבען מיט דעם געדארפט לעבן זאלבעפערט.

מיטאג עסן מיר צוזאמען, אויף שבת קויפן מיר שותפות פאר דריי פענעס געפילטע קישקע, וואָס איז זער באטעמט; און איך בין אליין באלעבאָס און וועל שוין מער נישט הערן וויטער: „נישטא קיין ברויט?!" הכלל עס גייט אונז גארנישט שלעכט. מיר גייען אפט אין ווייטשעפעל, הערן זיך איין צו אלע רעדנער, קוקן אין די פענסטער פון געשעפטן און האפן מיט דער צייט וועלן מיר זיך קויפן צו פאר נייע שיך, וואָס מיר האבן זער נייטיק געדארפט.

נאר צוויי וואָכן פאר פסח האט גערשקע איבערגעלאזט זיין פלאץ, ווייל ער האט שוין דארט מער נישט געקאנט ארבעטן, ווייל דעם מייסטערס זון איז אים דערגאנגען די יארן. און קיין אנדער פלאץ האט ער נישט געקענט געפינען, ווייל עס איז דאַן געווען זער „סלעק". האבן מיר שויןביידע געדארפט לעבן אויף מיינע פערצן שילינג, וואָס פיר שילינג האבן מיר געצאלט דירה־געלט — וואָס דאס איז געווען די הויפט־זאַך — און פאר די איבריקע צען שילינג האבן מיר געמוזט דורכלעבן די וואָך; און מיר האבן שוין דאן אויך גערויכערט. געוויינטלעך האבן מיר שוין אויף מיטאָג קיין פלייש מיט בולבעס נישט געגעסן, און אויף „סאַפיר" קיין הערינג אויך נישט אַרויפגענומען; און אויף שבת געפילטע קישקע — דאס איז שוין אָפגערעדט. קוים וואָס מיר'ן דורכגעשטופט די וואָך.

אַ דריי טעג פאר פסח בלייבט מיין מייסטער אויך אָן ארבעט און איך גיי שוין אויך ארום ליידיק. הכלל, דעם ערשטן טאג פסח זענען מיר געוואָרן ריכטיק פסחדיק; אפילו נישט געהאט דירה־געלט צו באצעלן, וואָס דאס האט אונז זער געערגערט, ווייל די באלעבאסטע האט זיך זער גענייטיקט אין די פיר שילינג!

מיר זענען געשלאָפן לענגער ווי שטענדיק. אַרויס אין גאַס, צוגעגענגען צום קוך־שאַפּ, וואו מיר פלעגן עסן, געטראפן אַ באקאנטן, געזאגט אַ ליגן,



געבעטן לייען טאַפּנס. „מיר וועלן צעבייטן אַ פונט און מיר וועלן אים שפּעטער אָוועקגעבן". מיר האבן זיך איינגעקויפט עפּעס צום עסן, ארויף אין אונזער צימער, אָפּגעפּראַוועט די סעודה, פארטרונקען מיט מים חיים און אַוועק אין ווייטשעפּעל.

אויף מארגען,וואָס איז געווען חול המועד, זענען מיר געשלאפן נאך שפּעטער. אויפגעשטאנען, אוועק אין בריק ליין. טרעפן מיר צוויי לאנדסלייט שטייענדיק אין אַ טיר לעבן אַ שיך־געשעפט. ווען זיי האבן אונז דערזעען, האבן זיי זיך מיט אונז אזוי דערפרייט, ווי עלטערן וואָלטן דערזעען זייערע פאַרלוירענע קינדער. ווען זיי שעמען זיך נישט, וואָלטן זיי אונז געכאַפט קושן.

מיר גיבן זיי אַ גרוס פון דער היים פון זייערע פאמיליעס און אויך פון באקאנטע, און דערציילן זיי ווי מיר זענען אַנטלאָפן פון די סאלדאטן ביז מיר זענען געקומען אין לאנדאן. און גערשקע נעמט זיי דערציילן, אז מיר ארבעטן. דא האב איך אים מער נישט געלאזט רעדן, ווייל מיך האט פארדראסן, אז צוליב אים הונגער איך אויך, ווייל איך האב געקענט גיין צו מיין משפחה און עסן פסח. זיי וואָלטן מיר נישט אָפּגעזאגט און שפּעטער וואָלט איך זיי באַצאלט, נאר גיין אליין און אים לאזן הונגערן, האט מיין געוויסן מיר נישט דערלויבט; און נעמען אים מיט זיך, אזוי ווי מען זאגט, אן אײדעם אויף קעסט, האב איך אויך נישט געקאנט.

זאג איך צו די לאַנדסלייט, אז זיי זאלן אים נישט גלייבן. מיר ארבעטן נישט און שוין דער דריטער טאג, אז מיר האבן נישט געגעסן. ווען זיי האבן עס דעהערט, האבן זיי אונז גלייך אַריינגענומען אין אַ קוך־שאַפּ, וואָס איז געווען דערביי און געהייסן געבן עסן. האבן צוויי וויטערס געמוזט דערלאנגען, איינער האט נישט געקענט אוספּעיען.

און זיי האבן געקליבן נחת און מקנא געווען אונזער אַפּעטיט, ווייל זיי האבן שוין נעבעך געהאט „אינדידזשעסטשען", עסנדיק אַ לאַנגע צייט אין די רעסטאָראַנען.

ווען מיר האבן געענדיקט, האבן זיי אונז אַריינגענומען צו אַ באַרבער, וועלכער איז געווען איבערן וועג און געהייסן, אז ער זאל אונז אַרומשערן און אָפּגאלן. און דאן האבן זיי אונז אַריינגענומען אין אַ שיך־שאָפּ און אונז געקויפט צו פּאָר נייע שיך, צו צוועלף שילינג אַ פּאָר. פון דארט זענען זיי מיט אונז אַוועק אין פּעטיקאוט ליין אין אַן אַלטע־קליידער געשעפט און אונז געקויפט אַנצוגן. מיר אַ העלן פון אַ „קאונטרימאן" פאר אַכט שילינג. אים אַ טונקעלן סוט פון אַ גרויסן ענגלענדער פאַר 10 שילינג. מיר א ווייכן הוט פאר אַ שילינג, אים אַ היטל פאַר אַ סיקספּענס, ווייל ער האט נישט געוואָלט קיין הוט. זיי האבן אונז געקויפט צו נייע העמדער מיט קעלנער, וואָס האט געקאָסט צו האַלבע קרוין. קראַוואַטן האבן זיי אונז געגעבן אייגענע, זיי האבן געהאט אַ סך. זיי וואָלטן אונז געגעבן העמדער אויך, נאר עס וואָלט געווען צו קליין, ווייל זיי זענען געווען פיל קלענער פון אונז.

הכלל, זיי האָבן אונז אויסגעקליידט, בגדי מלכות, און קלייבן נחת און

קענען זיך אויף אונז נישט גענוג אָנקוקן, אַזויווי מיר וואָלטן געווען זייערע קינדער; ווייל אַ פּאָר העלדישע יונגען זענען מיר געווען. און פון גרויס שמחה ווילן זיי, אז מיר זאלן מיט זיי פארן אין דער ווערט ענד. און דא אפּעסנדיק א גוט מאלצייט, האט זיך מיר אזוי שטארק פארוואלט רייכערן, אז איך גיי פשוט אויס. און זיי רייכערן נישט. האב איך זיך אנגענומען מוט און קלער; קאסט זיי די חתונה אזויפיל, וועט זיי קאסטן נאך פינף שילינג. פיר שילינג דירה־געלט, וואָס דאָס האָט אונז זער גערגערט, ווייל זיי האבן זער נייטיק געהאט דאס געלט און אַ שילינג פאר ציגארעטן.

הכלל, ווי מען זאגט, מען גיט איינעם אַ פינגער, שלעפּט ער די גאנצע האַנט. איך האב זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אונז מוחל זיין און לייען פינף שילינג; און זאג זיי אויף וואָס מיר דארפן עס. זיי האבן אונז געגעבן אַ גאָלדענעם „סאוורן“, ווייל קיין פּאַפּירענע איז נאָך דאן נישט געווען. איך בין גלייך אַוועק, געקויפט צוויי פעקלעך ציגאַרעטן און גיב זיי פיפצן אַ רעשט. זיי האבן עס אונז געהייסן האלטן און מיר ווען עס אָפּגעבן ווען מיר וועלן קענען. געוויינטלעך, מיר האבן זיך נישט געקענט גענוג אָפדאנקען.

איך האב זיי געבעטן, אז זיי זאלן מיר דערלויבן אַ פּאָר מינוט, איך וועל נאר אַרויפטראגן דאס דירה־געלט און קום באלד צוריק. איך בין אַרויף געבן דאס געלט די באלעבאסטע, דערקאנט זי מיך נישט. איך באק אפּ אַ ליגן, אַז מיר האבן נישט געוואוסט, אז מען דארף געבן דריי טעג נאטיס אין פאָסט־אָפיס. האבן מיר ערשט היינט אַרויסגעקראגן אונזער געלט; פארוואָס מיר האבן זיך אַ ביסל אויסגעקליידט. זאגט זי: גרינע בלייבן גרינע....

איך האב איר דערלאנגט אכט שילינג אנשטאט פיר, עס הייסט פאר דער וואָך אויך, וואָס זי האט זיך נישט געקענט גענוג אָפדאנקען און איך זאג איר, אז איצט פארן מיר אין דער ווערט ענד אביסל פארברענגען. האט זי געזאגט, אז מיר זאלן זיין פארזיכטיק, נישט פארבלאנדזשען...

ווען איך בין געקומען האבן זיי אונז געהייסן ארויף אויף אַ באס, וואָס איז געאנגען מיט פערד. מיר האבן פאררייכערט ציגארעטן. זיי דערציילן אונז די נעמען פון די גאסן, וואו דער באס פארט אדורך און אויף די באַוואוסטע בנינים.

איך קוק אויפן הימל און טראכט, זאל עס זיין מן השמים? מיט אייניקע שטונדן צוריק זענען מיר געווען א פאר אָפּגעריסענע, הונגעריקע טרעמפּס און איצט — אַ פאר זאטע, אויסגעקליידעטע ענגלענדער מיט געלט אין קעשענע און פּאַפּיראסן אין מויל. מען דערציילט אונז דורך וואַנען מיר פארן דרויך.

ניין, מיין חבר, עס איז נישט געווען קיין חול המועל יום טוב, עס איז געווען דער גרעסטער יום טוב אין מיין לעבן, וועלכן איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן; און אויף די לאנדסלייט האָב איך געקוקט ווי אויף צוויי מלאכים, געשיקט פון הימל.

דאן זענען מיר אוועק אין הייד פארק, געשטאנען לעבן רעדנערס. זיי האבן אונז דערקלערט וועגן וואס עס האנדלט זיך, ביז עס איז געוואָרן „טי־טיים“. האבן זיי אונז אַריינגענומען אין זער אַ רייכן רעסטאראן און געזאגט, אַז מיר קענען עסן „פּייסטרעס“ און טרינקען טיי וויפל מיר וועלן, ווייל עס קאסט אַזויפיל פון אַ מענטשן צי ער עסט און טרינקט יאָ צי נישט.

קלער איך, אַז פאַר אונז וועלן זיי אומזיסט נישט דאַרפן צאָלן. איך פרעג זיי וואס איז פּייסטרעס, ווייל מיר האבן עס נאכנישט געגעסן. זאגן זיי, אז עס איז פּיראזשנעס. קלער איך, אז דאס וועט זיין ווי מען זאגט אַ יוון אַ צוקערלעקעך. הכלל, מען האט דערלאנגט אַ שיינעם „טי־פּאָט“ טיי, אַ קריג מיט הייסע מילך און אַ טעצל מיט אכט פּייסטרעס. איך גלייב, אז די כלים זענען געווען זילבערנע. זיי האבן אָנגעגאסן די טיי און זיך גענומען אויף זייערע טעלערלעך צו פּייסטרעס. און איידער זיי האבן גענומען אַ שטיקל פּייסטרע, האבן מיר מיט דריי זופּ טיי פערטיק געמאכט די אַנדערע זעקס.

זיי האבן געהייסן דערלאנגען נאך אַ טעצל מיט אכט פּייסטרעס. מיר האבן מיט זיי אויך נישט געמאַכט קיין לאנגע שהיות. זיי האבן געהייסן דערלאַנגען אַ דריטן טעצל מיט אַכט פּייסטרעס. ביים דריטן טעצל האבן זיי אַ שמועס מיט דער „ווייטערקע“. איך הער זיי דערמאנען קאזאקס, סיביר. די ווייטערקע האט גענומען קוקן אויף אונז פארוואונדערט. זי איז אוועק, זענען די איבריקע ווייטערקעס געקומען אונז באטראכטן און נאך זיי האבן די געסט גענומען קוקן אויף אונז; און די לאנדסלייט שמייכלען.

איך זע עפּעס קומט דאָ פאָר. איך פרעג די לאַנדסלייט פארוואס מען קוקט אויף אונז. אַזוי זאגן זיי, אז די ווייטערקע האט געזאגט, אז מיר גלייכן שטארק זייערע פּייסטרעס. מיר עסן זיי נישט, נאר מיר שלינגען זיי. האבן מיר איר געזאגט, אז איר זענט א פאר סיבירער קאזאקן, און שוין דריי טעג ניט געגעסן.

איז גערשקען שטארק געפעלן געוואָרן דער שפּאַס. האט ער אַ רוק געטאן זיין היטל אויף אַ זייט און גענומען דרייען זיינע וואָנצן און עקטן אַזוי ווי אַ קאָזאַק און ווינקען צו די ווייטערקעס. האבן זיי אָנגעהויבן לאכן און אויף זיי קוקנדיק האבן די געסט אויך אָנגעהויבן לאכן. הכלל, דער גאנצער רעסטאראן האט געלאכט און די לאנדסלייט האבן זיך אַזוי צעלאכט, אז איך האב זיך שטארק דערשראקן. דער גאנצער פנים איז זיי פארגאָסן געוואָרן מיט טרערן פון געלעכטער; און עס האט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז זיי האבן זיך בארואיקט.

ווען זיי זענען געקומען צו זיך, האבן זיי געזאגט, אז זיי האבן זיך אזוי גוט נישט אַמוזירט זייער גאנצן לעבן און אונז האבן זיי אַ נאמען געגעבן די סיבירער קאזאקן, וואָס עס האט אנגעהאלטן אַ לאנגע צייט. און אַזוי בין איך געוואָרן אַ סיבירער קאזאק.

(שלוס)

## משה עובד

# שלום אש אין 1949

היירקן זומער האט זיך שלום אַש ווייטער באַוויזן אין מיין געוועלב, נאָך צען יאָר אָבוועזנהייט פון ווילדן דזשאנגל וואָס הייסט איראָפּע. און ווייטער געמאכט אויף מיר אן אונאויסמעקבארן איינדרוק.

די לעצטע צען יאר, וואָס האבן פערניכטיגט עד חורבה אזויפיל מאטעריעלע און גייסטיקע פעסטונגען האבן אויך אין אש׳ס נשמה אויסגעלאשן דעם שטורמדיקן אש און איבערגעלאזט אַ גליענדיקן אַש.

זאל ער מיר מוחל זיין אויב איך וועל דא פאר דער געפערליכער עפענטליכקייט דערציילן אַ פּריוואַטע איבערלעבונג מיט אים, מיט צען יאָר צוריק: שלום אַש מיט זיין ליבע טאכטער און דער לשון הרעניק פון די שורות זיינען אַריינגעגאנגען אין אַ גרויסן רעסטעראן זיך אונטערצולענען די הערצער, אין מיטען עסען האט זיך אַש צובייזערט און צושריגן אויף דעם קעלנער פּאַרוואס ער איילט זיך אַזוי צו דערלאנגען די פּארציעס.

ער האט דאמיט מביש געווען דעם אבסאלוט אומשולדיקן קעלנער. אבער דאס מאל ווען מיר דריי זיינען אריין אין זעלביקן רעסטאראן, האט דער זעלביקער קעלנער קיין איידעלערן און העפליכן מאן נאך נישט באדינט.

צוויי שעה האבן מיר פארבראכט אין כל ערליי געשפּרעכן און לייטזעליקייט האט ניט אים אפגעלאזט אויף קיין איין רגע.

צוויי ליבלעכע רחמנותדיקע אויגן האבן אַרויסגעקוקט צו יעדן איינעם צו אלעם און צו אלעס, און מיט זייער ליכטיקער פייכטקייט אויף די שטיינער טונטער זיינע פּיס געטרעטן מיט רחמנות. און יעדעס מאל, ווען מיין צונג האט זיך צוגערירט צו דער אנגענעמער לשון־הרעדיקער גליטש, האט ער זי אוועקגעקערעוועט אין אַ זייט; „מדארף געגן קיין מענטש נישט ריידן קיין בייז וואָרט״. און גערעדט האט ער זיפצנדיק מיטן אַש אויף זיין קאָפּ ווי א אבל, אַן אבל נאך זיינע חרובע שטעטלעך, מיט ליבשאפט האט ער דאך יעדן גליד און נערוו פון זיי געקענט ווי גאנץ ווייניק פון אונזער דור.

א ו י ך  ה א ב ן  ז י כ ע ר  ד י  פ א נ א ט י ש ע  ק ר י ט י קער זיינע אים נישט קיין גוטעס געטון. ער ליידט זיכער שרעקלעך דאפון, דאס וואָס די קריטיקער ווילן אים פארטרייבן פון פאלק ווייל ער האט געוואַגט צושרייבן זיין עוואַנגעלישע טרילאָגיע. זיי האבן קיין אנונג נישט דאס אלע היסטאָרישע בייטשן האבן אים געיאגט און געשמיסן צו שרייבן די ביכער. אסך טרערן און בלוט האט זיך געגאסן פון זיין צובראכן הארץ און שרייבן האט ער גע־מוזט.

איך געדענק ווי אין 1935 האב איך אים עטליכע מאל געטראָפן אַרומוואנדערן די גאסן אין געסלעך פון ירושלים איינזאַפנדיק אין זיך די פערפיומען פון די אלטע און אור אלטע צייטן וואָס האבן איינגעשלעפערט די



וועלט און אַ הערליכן חלום אזש שווער זיי אויפצוועקן צו נאך הערליכערע חלומות....

מן הסתם האט אש געזוכט אין די ירושלימער גאסן דעם וועג וואס זאל אים פירן צו היילן זיין קראנק און ליידענדן פאלק. אַש האט גוט געוווסט דאס זיין עקספּעדיציע איז די געפערלעכסטע, וואָס אַ ייד קען זיך אונטערנעמען. ער האט גוט געוווסט דאס די עקספּעדיציע וועט אים קאָסטן די ליבע פון זיין פאלק צו אים אַ ליבע וואס איז געווען זיין גרעסטער שאַטץ, ער האט זיך אָבער נישט געקענט העלפן.

אַש האט לויט זיין נאטור געמוזט גיין אויף דעם געפערליכן וועג, והא ראיה ס׳האט אים געלונגען אין דער טרילאגיע אויסצוזינגען עטליכע הויכע און טיפע מאנומענטאלע געזאנגען וואָס נאָר דער „מוז״־זינגער קען דערגרייכן.

און אַש באַצאָלט טייער: אפילו זיין געוועזענער ליידנשאפט פאר שיינקייט איז ער מקריב.

אויפן שענסטן צירונג און נאך שענערע פרויען האט ער גאר נישט געקוקט דאס מאל. כהאב אים געוויזן מיינע סקולפּטור און געוואלט אים שענקען אַ טייערן קאפּ! אדער אַ פיין מאדעלירטע חיה, ניין! ער האט גאר אויסגעוועלט אַ קליין מזוזה שייטעלע, ווייל עס איז איינפאך, „ווי דו וואלסט עס נישט געמאכט נאר עס האט זיך אליין געמאכט״.

איין זאך שרעקט מיך אבער און דאס איז זיין ברויזענדער און פייערדיקער טעמפּעראמענט, וואָס האט צענדליקער יארן אזויפיל עפּישע ליריקס געשאפן זאל נישט חלילה דורך זיינע איבערגעוועלטיגענדע אַטריביוטן פון חן וחסד און רחמים אין דער צוקונפט ווערן אין גאנצן אויסגעלאשן.

מיר דארפן אלע בעטן: רבש״ע לאז אַש׳ן מיט עטליכע ליידענשאפטליכע פונקען.

ווייל די היסטאָריע האט אונז געלערענט אז פרומע הייליקע צדיקים זיינען זער זעלטן שעפעריש.

דעצעמבער 1949.

## א ניי בוך פון אסתר קרייטמאַן

די באקאנטע שרייבערין אסתר קרייטמאן, וועלכע האָט זיך אַ נאָמען געמאכט אין דער יידישער ליטעראטור מיט אירע צוויי ראָמאַנען „דער שדים טאַנץ״ און „בריליאַנטן״ האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך דערציילונגען „יחוס״. דאָס בוך ענטהאלט 14 גרעסערע דערציילונגען. מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויף דעם פאָלגענדן אַדרעס:

E. KREITMAN,
56 Lordship Park, London, N.16.

## לעא קעניג

# דריי אפאלאגיאס

### 2.—ווען מען שרייבט פאַרן איבערזעצער

פרעמד־שפּראַכיגקייט, ווי מיר האָבן געזען, פירט, ניט ווילנדיג אפילו, צו אַפּאָלאָגעטיק; צו אַ געפעלשטער, פאַרוואָסערטער אָדער פאַרשמן־זית׳טער ליטעראַרטור און וויסנשאַפט.

און ניט נאָר ווען אַ שרייבער אָדער אַ היסטאָריקער שרייבט דירעקט אין אַ פרעמדער, אַ נאַטוראַליזירטער און אַדאָפּטירטער שפּראַך; אפילו ווען אַ שרייבער שרייבט אין זיין אייגענער נאַציאָנאַלער שפּראַך נאָר מיט אַ אויג צום איבערזעצער, מיט דעם ציל זיין בוך זאל איבערזעצט ווערן אין פרעמדע שפּראַכן, ווערט ער, ווילנדיג ניט ווילנדיג, אַפּאָלאָגעטיש....

שוין דאָס וויסן ביים שרייבן אדער פארן שרייבן אַז זיין יידיש בוך פונם יידישן לעבן וועט איבערזעצט ווערן און געלייענט ווערן פון אַ סך ניט־יידישע לעזער ענדערט זיין צוגאַנג און באַהאַנדלונג פון זיינע יידישע טיפּן, טעמעס און מאָטיוון:

עס צופלאַקערט זיך פלוצלונג, און דאָך ווי נאַטירלעך, זיין יידישער פּאַטריאָטיזם: זיינע ביכער וועלן דאָך לייענען ניט־יידישע לעזער, וועלכע זיינען אַזוי אָנגעשטעקט פון אַנטיסעמיטיזם, פאר וואָס זשע זאל ער זיינע יידן, אָדער זיינע יידישע מאָטיוון, ניט אַביסל חאָטש שענער און לייטישער מאכן. מען קען דאָך פאר פרעמדע ניט אַלעס דערציילן און ווייזן... אז ער קאָן טון אַ טובה זיין פאלק, פאר וואָס זאל ער עס ניט טון... זיין קינסטלערישער אדער סאָציאַלער געוויסן געפינט שוין אזעלכע פיינע דיאלעקטישע תירוצים: פאַר וואָס ניט ווייזן די שענערע טיפּן און זיטן פון אונזער לעבן, פון וועלכע די פיינטליכע וועלט ווייסט אַזוי וויניג? און וואָס קומט שוין איבערהויפּט אַרויס, ווען מען מאלט צופיל די שלעכטע מעטשלעכע זייטן... ליבע צו מענטשן ליבע צום פאלק זיינען דאך סוף כל סוף גרויסע מידות.... אַלץ גוטע און אידעאַלע תירוצים, אָבער ער שרייבט שוין ניט ווי ער וואָלט געשריבן, לויט זיין קינסטלערישן טעמפּעראַמענט און לויט זיין אופן זעען, ווי ער וואָלט געשריבן, ווען ער האט ניט אין זינען דעם איבערזעצער....

און זיינע ווערק זיינען שוין ניט אַזוי פארביג, זאפטיג און „בלוט־פליישיג", אמתדיג און לעבעדיג, און זיי באַרייכערן שוין ניט די אייגענע און ניט די אַלגעמיינע ליטעראַטור און פארשאפן אפילו ניט דעם געהאפטן כבוד דעם יידישן פאלק, ווי דער מחבר האט זיך פארגעשטעלט, ווייל צו אפּאָ־לאגעטיק, צו צוגעפּוצטע קונסט ווערק באַציט מען זיך מיט חשד, מען גלויבט זיי ניט; און סוף כל סוף ווערן אַקצעפּטירט פון דער וועלט נאר עכטע ערליכע און ניט חניפהדיגע שאפונגען.

* * * * *

עס קאָן זיין אַז איינע פון די סיבות פאר וואָס עס ווערן לעצטן בכלל, קיין גרויסע ביכער ניט געשאפן, איז דער איצטיגער אינטערנאציאָנאלער



כאראקטער פונם ביכער־מארק; וואָס שרייבער בכלל, און ניט נאר יידישע, שרייבן מיט דער כונה גלייך איבערזעצט און פארשפרייט ווערן דער עיקר אין די ענגליש־רעדענדיקע לענדער, און אפילו מיט אַנ׳אויג צו האָליוווד שרייבן זיי. עס קאָן זיין אז אויך אט דער פאקטאר שטערט דער פארטיפונג פונם שרייבער, פארוואַסערט און טעמפּט אָפּ זיינע קינסטלערישע ערליכקייט זיין סאָציאַלן און נאַציאָנאלן געוויסן... אנשטאָט פונם נאַציאָנאַלן צום אוני־ווערסאַלן, זוכט דער מאָדערנער שרייבער דורך אוניווערסאַליזם — דערפאלג...

אָבער אויב אָט דער פאקטאר — דער איבערזעצטער — איז מעגלעך איינע פון די סיבות פון דער אַלגעמיינער ירידה, אויף ווי וויט מיר קענען עס איצט זען, אינם היינטיקן ליטעראַרישן שאפן, איז עס נאך אמתער אונז׳יכערער בנוגע אונדזער היינטיגער יידישער ליטעראַטור:

איך גלויב אז די איצטיגע ירידה אין אונדזער ליטעראַטור איז אויך צוליב דעם וואָס דער רוב פון אונדזערע היינטיגע בעסערע און רעפּרעזענטאַטיווערע שרייבער האָבן שוין מער אין זינען דעם ניט־יידישן ביכער־מאַרק ווי דעם יידישן, וועלכער איז אַזוי טראַגיש איז אין די לעצטע יאָרן איינגעשרומפּן...

וואָס פאַראַ היינטיגער יידישער שרייבער קלערט עס ניט און האפט ניט איבערזעצט צו ווערן? צוליב עקאָנאָמישע און גייסטיגע טעמים: וואָס די צו־קונפט פון אונדזער יידיש זאל ניט זיין, נאר דורות יונגע יידישע לעזער קומען ניט צו, זוכט זיי דער איצטיקער לעבעדיקער יידישער שרייבער, וועלכע באַ־נוגנט זיך ניט, צוליב פאַרשידענע טעמים, מיט די עלטערע נאסטאלאגישע לעזער — אין די פערמדע שפּראכן פון אונדזערע קינדער... שרייבט ער אין די שפּראַכן פון אונדזערע אבות, איבערזעצט צו ווערן אין די שפּראַכן פון אונדזערע קינדער. דערהיינטיקער יידישער שרייבער, וואָס האט נאָך ניט אָנגעהויבן אַליין שרייבן אין אַן אדאָפּטירטער שפּראך (מער ווייניקער שעפע־רישע שרייבער מוזן שרייבן אין זייער אייגענער פאלקס־שפּראך) איז דעריבער געצווינגען אַרויסצוקוקן אויף אַ איבערזעצער, וואָס זאל אים פירן אי צו דער יידישער יוגנט, אי צו דער גרויסער ניט־יידישער וועלט... און אט דער פּראצעס פון זוכן דעם איבערזעצער און זיינע נייע לעזער קריפּלט זיין קינסט־לערישע אויפריכטיגקייט, שוואַכט אָפּ זיין טאלאנט; ער דארף זיך צופּאַסן צו דער פרעמדשפּראַכיקער יידישער יוגנט, וועלכע דענקט אנדערש ווייל זי איז דערצויגן און געשולט ניט אין דער שפּראַך פון די עלטערן; ער הויבט אָן שרייבן אין אַ יידיש וואָס זאל זיין לייכטער איבערזעצט צו ווערן... און צווייטנס, האפט ער דאך אז אויך ניט־יידישע, פרעמדע לעזער וועלן אים לייענען אין איבערזעצונג, זוכט ער שוין, ניט באַמערקנדיק עס אליין, שע־נערע טעמעס און מאטיוון און ער באַשרייבט שוין „שענער" זיינע יידישע טיפּן און מאָטיוון — מיט איין ווארט ער ווערט אפּאלאגעטיש.

אַזוי אז אַ גרויסער און חשובער טייל — ווייל די אַזוי גערופענע בעסערע און רעפּרעזענטאַטיווערע יידישע שרייבער ווערן מיינסטן איבערזעצט — פון אונדזערע נייע ביכער־קינסטלערישע און פּובליציסטישע עסייאיסטישע

— דערמאַנען שוין מער אין אונדזערע פרעמד־שפּראַכיקער אַפּאָלאָגעטישער ליטעראַטור ווי אַן אונדזערע קלאַסיקער מיט זייער אינטימען וואַרצלדיקן רעאַליזם. . . .

מענדעלע, וועלכער איז, דאַכט זיך, דער ערשטער איבערזעצט געוואָרן (אין רוסיש און פּויליש) האָט ניט אין זינען געהאַט דעם איבערזעצער ווען ער האָט געשריבן. (ער האָט זיך אַליין איבערגעשאַפן אין העברעאיש). דאָס אייגענע קען געזאָגט ווערן וועגן שלום עליכמ׳ן, פּרצן און אונדזערע אַנדערע קלאַסיקער. זיי זיינען געווען יידישע שרייבער פאַר יידישע לעזער... זיי האָבן געשריבן פאַרן פאָלק. און ווען זיי האָבן אַמאָל — נאָכן שרייבן — נאַטירלעך אַ קלער געטון פון איבערזעצונג איז דאָס געווען, הויפּטזעכליך, ווי אַ צייכן פון אָנערקענונג פאַר דער יונגער יידישער ליטעראַטור און פון זייערע אייגענע שריפטשטעלערישע פייאיקייטן.

אויך שלום אַש, וועלכער איז אַנמייסטן אין מערערע שפּראַכן איבערגעזעצט געוואָרן, האָט פון אָנפאַנג געהאַט אַט דעם נאַטירליכן שריפטשטעלעריש־קינסטלערישן דראַנג זיך צו ווייזן פאַר דער וועלט ווי אַ יידישער שרייבער; אָבער ביסליכווייז, ניט באַמערקנדיג עס אַליין אפשר, האָט ער אַלץ מער און מער אָנגעהויבן שרייבן פאַר די פרעמד שפּראַכיקע יידישע לעזער, פאַרן איבערזעצער, און פאַר דער גרויסער וועלט מיט אַ מיסיע, יאַקבי פון אַ מליץ יושר. . . .

און שלום אַש איז איצט ניט דער איינציקער אין דעם פּרט. פּינסקי, שניאור, זינגער, זיינען אַ סך איבערגעזעצט געוואָרן... און מען קען זאָגן אַז כמעט אַלע פון אונדזערע היינטיקע באַוווסטע שרייבער זיינען באַשעפטיגט מיט דער פּראָבלעמע פון איבערזעצט ווערן. ער מוז זוכן די יידישע יוגנט, די נייע יידישע לעזער אין פרעמדע שפּראַכן... און זוכנדיק זיי אין אַ פרעמדער שפּראַך און וועלט, מוז ער זיך ברעכן קינסטלעריש און מענטשליך יידיש...

ווילנדיק ניט ווילנדיק גראָבט ער אונטער זיינע אייגענע וואָרצלען, זיין טאַלאַנט... דער יידישער שרייבער, דער יידישער וואָרט־קינסטלער איז איצט אַ באמת טראַגישע פיגור; זוכנדיק די יידישע יוגנט אין פרעמדע שפּראַכן (און סרוב אַן גרויס דערפאָלג) מוז ער זיך, ניט באַמערקנדיג עס אפּט אַליין, זיך צופּאַסן צו זיי און אין דעם פּראָצעס זינדיקן קעגן זיינע אייגענע פייאיקייטן און זיין נאָרמאַלן זען און ווייזן דאָס יידישע לעבן: ער קען דאָך פאַר זיי, די האַלב פרעמדע, ניט ווייזן דאָס יידישע לעבן, דאָס לעבן פון זייערע עלטערן פון וועלכע זיי זיינען שפּראַכליך און שטייגעריש אַוועקגעגאַנגען, פּונקט אַזוי ווי ער זעט עס און ווי ער וואָלט זיי באַשריבן פאַר אַ יידיש, שפּראַכליך פאַרוואָרצלטער, לייענענדיקער יוגנט; ער קאָן דאָך ניט זיין צו קריטיש צום יידישן לעבן פון וועלכן זיי זיינען שוין סיי ווי פאַרפרעמדט... און אויך פאַר זיי און ניט נאָר פאַר די „גויעשע" לעזער מוז ער דאָס לעבן צופּוצן, צוציענדיקער מאַכן, כדי זיי צו ראַטעווען פונם גליטשיקן וועג פון אַסימילאַציע... און אַזוי אַרום פאַלט ער אַריין אין דער אַסימילאַטאָרישער אַפּאָלאָגיע, וועלכע



איז געווען אַזוי פרעמד און פריקרע דעם יידישן אָדער העברעאישן קינסטלער און פּובליציסט — דעם יורש פון אונדזער קלאַסיקער.

יעדער פון די היינטיקע יידישע שרייבער ווייסט, לעבט דורך אַט דעם טראַגישן נסיון, הגם ער גיט זיך דערפון קיין רעכענונג ניט אָפּ:

ווי „אַנדערש" רעדט און שרייבט אַ יידישער שרייבער, ווען ער שטייט פאַר דער יידישער יוגנט וואָס קען ניט זיין שפּראַך, דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן און די יידישע ליטעראַטור. ער שטייט שוין פאַר זיי ניט ווי אַ קינסטלער, ווי אַ היסטאָריקער נאָר ווי אַ מליץ יושר, ווי אַ אַפּאָלאָגיסט. . . .

ווי „אַנדערש" מוזן מיר רעדן וועגן דער יידישער ליטעראַטור און אונדזערע פראַגן פאַר דער יידישער יוגנט וואָס קען ניט אונדזער ליטעראַטור און אונדזערע פּראָבלעמען פון אינווייניג?

אַנדערש: שענער מליצדיקער. מיר ווילן דאָך זיי ראַטעווען פון אַסימילאַציע, צוריקברענגען, צוריקפירן צום פאָלק. ווי אַזוי זשע קענען מיר זיי דערציילן דעם אמת ווי מיר זעען אים?

## א בריוו-אויסטויש מכח אליהו בחור

חשובער רעדאַקטאָר,

איך בין געווען איבעראַשט צו לייענען ד"ר מייטליס אַרטיקל וועגן אליהו בחור און זיין ראָמאַן „בבא ד׳אנטאָנא". אין דעם גאַנצן אַרטיקל האָט ער ניט געפונען פאַר נויטיק צו דערמאָנען מיט איין וואָרט אַז פּראָפעסאָר יודא יאָפע פון ניו־יאָרק האָט ערשט אַרויסגעגעבן אַ וויסנשאַפטליכע אויסגאַבע אין רעפּראָדוצירט די ערשטע אויסגאַבע.

אין אַמעריקע אַלע אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך געדרוקט וועגן אליהו בחור זענען געווידמעט די גלענצנדע אויסגאַבע פון יאָפען.

איך ווייס ניט צוליב וואָס פאַר אַ טעמים ד"ר מייטליס האָט דאָס פאַרשוויגן.

בכבוד רב שמעון אַבראַמסקי

אַ באַמערקונג פון מחבר:

יאָ, דער באַקאַנטער פילאָלאָג יודא א. יאָפע האָט אַקאַרשט אַרויסגעגעבן אַן אויסגעצייכנטע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פון „בבא בוך" (אין ערשטדרוק הייסט עס „בבא דאנטונא"). פריינד אַבראַמסקי פרעגט פאַרוואָס האָב איך דאָס בוך נישט דערמאָנט? דער ענטפער איז אַ פשוטער. נישט איז דאָ געווען דער פּלאַץ און נישט איז געווען מיין אויפגאַבע אין ראַמל פון אַ קורצער אָפּהאַנדלונג אָנצופירן וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור. אגב, איז יאָפע׳ס בוך ערשט אָנגעקומען, בשעת מיין אַרבעט איז שוין געווען פאַרטיק אין דרוק. מהאי טעמא טאַקע האָב איך דאָס בוך פשוט נישט געקענט. א כוונה דערבייי האָב איך נישט געהאַט. אגב אויף יאָפע׳ס בוך וועל איך מיך אָפּשטעלן ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט.

יעקב מייטליס

## דר. יעקב י. מייטליס

# גבורה און חורבן

### א.

„..מיטן וואַרעמען ברויט פון נקמה,
דער קרבן זאָל קיינמאָל די האַק ניט פאַרגעסן...“
(אברהם סוצקעווער, געהיימשטאט).

די מוראדיקעליידן פון אונזער פאָלק אין די חורבן־יאָרן תרצ״ט־תש״ה האָבן אַזוי פארחלשט די הערצער, אזוי פארפינצטערט דעם האָריזאָנט, אזוי פארטונקלט אונזער ראיה, אז מיר האָבן שוין כמעט נישט קיין אויג פאר די ווייניקע ליכטיקע און העראישע מאָמענטן פון קאמף און ווידערשטאנד אין דער צייט פון אונזער גרויסן פארגיין. כאַפּן מיר זיך זעלטן, אז דער דור פון גרעסטן נאציאָנאַלן חורבן האָט אויך געזען אָטעם־פארכאפנדיקע מעשים פון גבורה. אָבער מיר האָבן ביז איצט דעם דאָזיקן הערליכן, הארץ־דערפרייענדיקן קאפיטל פון פאָרכטלאָזן קאמף און ביטערער נקמה געשענקט צו ווייניק אויפמערקזאמקייט.

עס איז זיך צעוואַקסן אַ ליטעראַטור, וואָס שילדערט מיט אַלע פרטים די גרויס פון חורבן און אומקום, וואָס פרובט פאַרפיקסירן דאס לעבן אין געטא מיט אלע זיינע ליכט־און־שאָטן־זייטן, אונזער גאנג צו דער שחיטה, די ענוים און דערנידעריקונגען. אָבער קליין און אָרים אין צאָל איז דערוויל די ליטעראטור, וואָס שילדערט דעם קאמף, וואָס דערציילט פון מוט און אויסגעהאלטנקייט, פון פאָרכטלאָזיקייט און עקשנות, פון גלויבן און בטחון, פון גבורה און נקמה פון אונזערע יונגע, שטאָלצע יידן אין די געטאָ־קאַמפן און שפעטער אין די וועלדער מיט די פאַרטיזאַנען. ווייסען מיר גאָר ווייניק פון דעם אַלעם און די וועלט דרויסן ווייס נאָך ווייניקער. זי האָט אונז געזען אין דער אכזריותדיקער הילפלאָזיקייט און שפלות און ווייס אַפילו נישט, אז די הערצער פון די דערנידעריקטע און געפייניקטע האָבן געברענט מיט אַ טיפן, אומדערזעטלעכן נקמה־געפיל צו זייערע שונאים און פארלענדער, אפשר אַ ירושה פון זייער אלטן, תנכישן אל קנא. איז עס אונזער הייליקער חוב דאָס צו פאַריכטן. מוזן מיר דערוועקן דעם אָנדענק פון די העלדן־קעמפער און דערציילן וועגן זייערע גבורה־מעשים ווי אַמאָליקע דורות האבן מיט גרויס תענוג דערציילט פון די העלדישקייטן פון דוד׳ן, דעם פאַסטוך, אָדער פון דעם נקמה־באַגער און פלאַמענדיקן נצחון־ווילן פון די חשמונאים. טאָרן מיר בפירוש נישט דערלאָזן, אַז מען זאָל פארגעסן אין דעם קאַפיטל פון ווידערשטאנד און גבורה, אז עס זאָל זיך שאפן אַ קרום און פאַלש בילד פון דער קעגנווארט, אַ בילד פון ענוים אָן גרויסקייט, אַ פארגיין אָן קאמף און נצחונות.

געוויס, ליידן מאכן סימפאַטישער איידער קאמף און נקמה. זיי זענען מענטשלעכער און דערפאר אונז נענטער. ליידן, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט



דער באקאנטער פילאָסאָף שאָפּענהויער, איידלן, זיי דערהויבן און פארטיפן דעם מענטש. דער עכטער, ליידנדיקער מענטש אנטלויפט פון דער הארטער, ברוטאלער וועלט אין אַ וועלט, וואָס איז פול מיט גוטסקייט און געטלעכקייט. ער גייט אַריין אין זיך, זוכט התקרבות און אַן אָנליין אין זיין באַשאַפער. בענקט נאָך אים און געפינט באַרואיקונג און באפרידיקונג אין דער וועלט פון מיסטיק און אין־סוף. קאמף און נקמה ליגט שוין אויף גאָר אַן אַנדערן עטישן פלאַן. אונז יידן זענען די געפילן פון נקמה און שנאה בעצם פרעמד. אונזער גאנג דורך דער געשיכטע איז געווען אַן אנדערער. פון קדמונים אָן האָבן מיר געהאסט די ידי עשיו, יענע מגושם׳דיקע, גראָבע, ברוטאלע הענט, וואָס האָבן נאָר געוואוסט פון איין אומנות: מלחמה פירן, הרגענען און רצחנען. איז אונז בירושה געקומען דער ווידערווילן קעגן דעם רויען, ברוטאלן כח און מיר האָבן נאָר געגלויבט אין די גייסטיקע כוחות פון מענטש, וואָס וועלן סוף כל סוף דערפירן די וועלט צו שלמות און געטלעכקייט. דער פועל־יוצא דערפון איז געווען אַ ביטול־באַצואונג צום אַקטיוון קאַמף צו פארטיידיקונג און זיך ווערן. אדרבא מ׳האָט געלערנט זען אין די רדיפות און נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס דעם פארדינטן עונש פאר נאציאָנאַל־גייסטיקע חטאים. ממילא האָט מען דאָך געמוזט די שטראָף מקבל באהבה זיין, בלייבן פאַסיוו, האָבן בטחון און וואַרטן אויף דעם גרויסן נס פון גאולה.

אונטער דעם אַספעקט האָבן מיר נישט נאָר געזען, נאָר אויך געשטאלט דעם אָפּלויף פון אונזער געשיכטע. שוין טאקע פון די סאמע אָנהויבן, פון יעקב אבינו, דעם איש תם יושב אהלים (דער גאנצער מענטש, וואָס וואוינט אין געצעלטן). האָבן מיר דאָס אויסגעטייטשט גייסטיק, געזען פאר זיך אַ יעקבן אַ לערנער, אַ פרומער, וואָס ווייס נישט צו זאָגן פון קיין ביסעלע עולם־הזה, נאָר זיצט יומם ולילה אין די געצעלטן פון זיינע גרויסע רביס שם און עבר און לערנט תורה. דאָס זעלביקע איז געווען מיט דודן, דעם זינגער פון תהלים און מיט אַ סך אַנדערע ביבלישע און שפעטערדיקע פערסאָנאַזשן. אַזוי האָבן מיר אויך פאָרמולירט דעם גרויסן אידעאל פון יידישער גייסטיקייט, פון אַ ממלכת כהנים און גוי קדוש (אַ קעניגרייך פון פריסטער און אַ הייליק פאָלק) און אזוי האָבן מיר דורות־לאַנג אינטערפרעטירט די געשיכטע און גורל פון יידישן פאָלק. פאר דעם הארטן, שווערן געראנגל פאר דעם ביאָלאָגישן קיום פון פאָלק האָבן מיר כמעט נישט געהאט קיין בליק. עס איז נישט געלעגן אַזוי צו זאָגן, אויף אונזער ליניע. אין אונזער עקזיסטענץ האָבן מיר נאָר געזען אַ מיטל צו אנדערע, העכערע צילן, וואָס האָט ממילא געפירט צו אן איבערבאַטאָנונג פונם גייסטיקן און דעם אָנווערן יעדן זין פאר דעם פיזישן און עקזיסטענציעלן.

וואָלט אָבער געווען לחלוטין פאלש צו גלויבן, אַז דאָס טאָג־טעגלעכע, גרויע, הארטע לעבן האָט זיך דוקא נאָר באַוועגט אויף אָט דער ליניע, אַז מיר האָבן אין גאנצן פארגעסן אין זיך און נאָר געלעבט אין אַ וועלט פון רוחניות און פון קדושה, שטענדיק מיט די אויגן אַרויף צום הימל, אין אַן אידעאַלער

וועלט פון כהנים און נביאים. אודאי איז עס אַזוי נישט געווען (דער פרומער וועט נאָר צוגעבן, ליידער, בעוונותינו הרבים!), אויב מען וויל נישט אין גאנצן דעם עבר אידעאַליזירן. דאָס לעבן האָט אין זיין דינאַמישקייט געשטורעמט, געפּליִיצט און פארלאנגט זיינע רעכט. עס איז געווען אָנגעלאָדן מיט וואָכעדי־קייט און קאמף, מיט אַן אויג צום הימל, אָבער אויך מיט אַ שטארקן ווילן פאר חיי־שעה און אַביסל עולם־הזה׳דיקייט. עס זיינען געווען צייטן פון הארטן ווידערשטאנד, פון אויפטרייסלדיקע קאמפן פון משיחישע און באַפרייאונג־באַוועגונגען, וואָס זיינען אָפּט אַוועק איבער די קעפּ פון די גייסטיקע פירער און מוכיחים.

אַז מיר קוקן זיך צו גענויער צו דער יידישער געשיכטע דערכאַפּן מיר נאָך דעם הייסן אָטעם פון די אַמאָליקע צייטן, פון דער מיט קאמף אָנגעפּיל־טער אַטמאָספערע, דערבליקן מיר די גרויסע פּערזענליכקייטן, די חוזים און ככל המיני משיחים, וואָס האָבן אַריינגעוואָרפן אין דער פינצטערקייט פון לעבן דעם לאָזונג פון פרייהייט און מרידה, וואָס האָבן צעצונדן די פארחלשטע הערצער מיט האָפענונג און נייעם מוט. עס זיינען געווען די „אַנדערע", די אחר׳ס, די עקשנים און מורדים, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַלץ מקבל זיין באהבה, דערטרונקן צו ווערן אין אייגענעם בלוט און אויסגיין, אַלץ כדי אָפּ־צוקומען פאר דער הארבער, שווערער זינד פון פאָלק. יידיש לעבן איז פאר זיי געווען פונקט אַזוי טייער ווי אַנדערע לעבנס, האָבן זיי נישט געקאָנט לענ־גער פארטראָגן די מאָס פון יסורים און פיין און רעבעלירט. זיי האָבן אָנגע־צונדן די פאקל פון ווידערשטאנד, געגעבן דעם צייכן צו מרידה און מיט שווערד און שפּיז אין דער האנד גענומען אקטיוו קעמפן, פארטיידיקן דעם כבוד פון פאָלק און בלוטיק נקמה נעמען אין די אכזריות׳דיקע שונאים.

עס איז אגב אינטערעסאנט צו באמערקן, אַז דער מורדים־מאָטיוו אין דער יידישער געשיכטע איז נאָך עד היום נישט גענוג געוואָרן דערפאָרשט און אָפּגעשאַצט. עס פרעגט זיך למשל, ווי ווייט האָבן די מורדים, די וועלט־ליכע קעמפער און גבורים געשטאלט און באַאיינפלוסט דאָס יידישע לעבן און אַזוי אַרום די שפּעטערדיקע יידישע געשיכטע? האָבן מיר דאָך געהאט גענוג גרויסע יידן מיט פלאַמענדיקע וויזיעס און ברענענדיקע הערצער, וואָס מיר האָבן זיי גערופן די „דוחקי הקץ", וואָס ווילן פארשנעלערן דעם סוף פון חשכות און ליידן דורך אַקטיווע האנדלונג און קאמף. ווייסן מיר דאָך פון אַ סך קעמפערישע נביאים, פון אָפּאָזיצאָנערן, קנאים און פרייהייט־קעמפער. וואָס איז געווען למשל דער פּאָליטישער קורס פון יענעם קרייז נביאים־אַק־טיוויסטן, וואָס די שפּעטערדיקע געשיכטע האָט פאראורטיילט און גע־שטעמפּלט אַלס די נביאי השקר, די פאלשע נביאים? וואָס ווייסן מיר פון זייער ליניע, זייער מעטאָדן און קאמף־גרייטקייט? ציט זיך דאָך אַ ליניע פון די פריעסטע צייטן איבער די חשמונאים, די קנאים־פּאַטריאָטן, די בר־כוכבאס, די פארשיידענע שפּעטערדיקע משיחים און חוזים ביז צו אונזערע גבורים פון די געטאָס, די פּאַרטיזאַנער און די העלדן פון היינטיקן, באַנייטן



ישראל. עס איז אין תוך גענומען דאָס פאָלק, וואָס שטייט אויף, רעבעלירט און גייט נישט נאָר אויף קדוש השם נאָר אויך צו פארטיידיקן זיין כבוד, זיין רעכט אויף אַ נאָרמאַל, מענטשלעך און ווערטיק לעבן.

(סוף אין צווייטן קאַפּיטל)

דעצעמבער, 1949.

## יוסף הלל לעווי

# צו משה יעקב קליפּערס 60 יאריקן געבוירנטאג

דעם 8־טן יענער 1890 איז אין קראקע ביי ארימע עלטערן געבוירנגע־וואָרן מ. י. קיפּער. זיין דערציאונג איז געווען אַ טראַדיציאנעל יידישע. אָנגע־הויבן צו לערנען אין חדר, — און אויך פארענדיקט אַ פאָלקסשול. און צו 11 יאָר שוין אָנגעהויבן צו אַרבעטן צוערשט ביי אַ שניידער, דערנאָך אין אַ צוקערלעך פאַבריק.

אָנגעשריבן דאס ערשטע לידל ביי 15 יאר, און אָנגעהויבן זיך דרוקן אין דער „אַרבייטער יוגנט" 1916 און דאן אין פארשיידענע אנדערע צייטונגען און זשורנאלן. אויסגעוואַנדערט קיין אַנטווערפּן ביי 20 יאָר. געווען אַ צייט לאנג אין דייטשלאנד, האלאנד, פראַנקרייך, אבער שטענדיק צוריקגעקומען אין בעלגיע, — ווו ער האלט זיך אויף ביז צום היינטיקן טאג.



משה יעקב קליפּער

קליפּער האט סתם נישט פיל געשריבן; אבער צווישן די ווייניקע לידלעך וואס ער האט ביז איצט באוויזן אנצושרייבן, זענען פאראנען אייניקע וואס

זענען זיכער מער ווערט — ווי אלע די טייערסטע בריליאנטן, מיט וועלכע ער האט שוין געהאנדלט און וועט נאך אמאל האנדלען.

ווער עס קאן מ. י. קליפערס לעבנסלויף, — דער מוז אומבאַדינגט מודה זיין, אז הגם ער האט אויפגעגעבן דעם דיכטער אין שרייבן, איז ער פארט געבליבן דער פאעט אין לעבן... און זיין לעבן אין פראזע, — איז אפטמאל בונטאר, רייכער און קלינגנדיקער, ווי דאס שענסטע ליד אין גראם... ער איז אַ קאנווענציאָאַנאַליסט און אן עכטער באהעם, אַ בורזשוא מיט אַ קאָמניסטישן אני מאמין, אַ ניהעליסט פון דער באַשטייענדיקער געזעלשאפטליכער עטיק און מאראל, — מיט דעם טיפסטן סאציאלן מיטגעפיל און ליבע צום ייד און מענטש... זיין איינציקע אמונה און האפנונג איז: דאס גליק און פרייקייט פון דער גאנצער מענטשהייט.

## משה יעקב קליפער (אַנטווערפּן)

### הימלישע קלאנגען

אין הימלישע קלאנגען צעגיסט זיך א שטימע,
ווי יינגע מלאכימלעך וואלטן געזונגען, —
אַ הימלישע שירה צו גאט;
עס הערט זיך פון שטילע, פארחלומטע וועלטן:
פון כשוף פּאַלאצן און וואונדער געצעלטן,
אן אלטער פארצויבערטער סוד....

אַ ווונק פון די הימלען, — איך וויל אים דערגרייכן,
איך וויל מיין נשמה צו אים דארט דערהייכן,
נאר שוואך בין איך יינג און שוין מיד;
און פאל ווי אַ פויגל וואָס הייבט ערשט אן פליען,
און באנג ווערט אין הארצן, עס טוט אַזוי ציען —
צום סוד און צום אייביקן ליד....

### לעבן...

הויך טראגט זיך אין לופטן אַ שטימע אַ זיסע,
צום לעבן אַ רוף, —
און מונטערט די הערצער וואָס ליגן אין גסיסה,
און וועקט זיי פון שלאף!

און הויבט אויף די אלע וואָס זינקן און פאלן,
און טרוימען פון טויט;
און קרעפטיקט די אלע וואָס לעכצן נאך שטראלן,
פון לעבן אָן טויט....



און ס׳טראגט זיך דער עכא אלץ העכער, און העכער,
אין הימל־געצעלט,
ביז גאט שיקט מיט לעבן אַ גילדענעם בעכער
אראפּ אויף דער וועלט.

דא וואַרפן זיך אלע צום לעבן פון בעכער
און טרינקן זיך אָפּ;
און ווערן פארשיכורט, טייל הייבן זיך העכער —
טייל פאלן אראפּ....

### טרערן

ווען דיין לעבן מאלט זיך שווארץ,
און באַדריקט איז דיר דיין הארץ,
און דו ווילסט סזאל לייכטער ווערן —
וויינען מוזטו דאן מיט טרערן....

ווען עס דריקט דיך שטארק די נויט,
ספעלט צום לעבן אויס דיר ברויט,
און דו ווילסט דעם הונגער שטילן, —
קאנען טרערן דירס דערפילן....

ווען עס קומט דער טויט אראפּ,
און עס שטארבט ביי דיר ווער אָפּ;
זוכסט אַ טרייסט אין צער אין שווערן —
קאנען זיין דאס דיינע טרערן....

### זינג מיין ליד

זינג מיין ליד, סאיז צייט פון זינגען,
ערגיץ הארכט אַ שטילעס אויער,
ערגעץ קלאפּט אַ הארץ סוויל שפּרינגען,
זינג מיין ליד, גיס אויס דיין טרויער.

סווערן מיינע טעג געציילטע,
ס׳נענטערט זיך דער סוף נאר ביטער, —
זינג מיין ליד דאס אויסדערוויילטע,
איך באגלייט דיך אויפן ציטער.

מיינע טענער ווערן שטילער,
קוים באוועגן זיך די פינגער,
העכער נעם דעם לעצטן טרילער,
ענדיק ווי עס פאסט דעם זינגער....

## אפרים טויבענהויז

# פּראָפעסאָר היינריך לעווע — 80 יאָר אַלט

(יובילײ פון פירער פון די דייטשע יידן אין ישראל)

דער 80־טער געבורטסטאָג פון פּראָפעסאָר היינריך לעווע, וועטעראַן פון ציוניזם אין דייטשלאַנד איז אַ יום טוב פאר פילע דייטשע יידן אין ישראל. פּראָפעסאָר לעווע׳ס נאָמען איז פארבונדן מיט׳ן ציוניזם נאָך פאר׳ן דערשיינען פון דר. הערצל.

ס׳וויקעלט זיך פונאַנדער אַ פּאַנאָראַמע פון קאמף פאר ציון אין משך פון די לעצטע 50 יאָר. ער איז געקומען קיין ארץ ישראל נאָך מיט עטליכע פערציק יאָר צוריק און האָט רעדאַקטירט די צייטונגען פון די בילוי״ים. אומקערנדיק זיך נאָך אַ געוויסע צייט קיין דייטשלאַנד פירט ער אַ גרויסע אויפקלערונגס אַרבייט פאר די מאַסן, פאַרוואָס מען דאַרף בויען אַ יידישע היים אין ישראל. ער האָט אומגעוואַנדערט איבער גאַנץ דייטשלאַנד, עסטרייך, גאַליציע און קורלאנד און אומעטום זיך באמיט צו וועקן ביי די יידישע מאסן דאָס באוווסטזיין און די פארשטענדניס, אז ס׳איז פאראַן איין יידיש פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט.

ער איז פון שטענדיק אָן פארבונדן מיט די מזרח יידן. אין בערלין האָט ער זיך כסדר גע׳חבר׳ט מיט דר. נחמן סירקין, דר. נתן בירנבוים, ראובן בריינין, דר. מאצקין און אנדערע. צוליב אים האָט זיך אויך פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין — מיט וועמען ער האָט צוזאַמען אַרויסגעגעבן די „סקריפּטא מאטעמאַטיקא״ — דערנענטערט צו די מזרח יידן.

ס׳דערמאָנט זיך מיר ווען פּראָפעסאָר איינשטיין האָט באזוכט ארץ ישראל און ער האָט דאָ געהאלטן זיין פאָרטראג, האָט ער דאן דערציילט:

„דעם גרויסן ווערט פון אונזער נאציאָנאלער טראדיציאָנעלער ליטעראַטור האָב איך פארשטאנען דעמאָלט, ווען איך בין אויף מיין אוניווערסיטעט־קאטעדרע געקומען אין בארירונג מיט יידישער יוגענט פון מזרח־אייראָפּע״.

און פּראָפעסאָר איינשטיין האָט ווייטער דערציילט:

„איך האָב אַ יוגנט־פריינט, וואָס האָט געלערענט תלמוד ביז די צוואַנציקער יאָרן און וועלכער האָט נאָך דריי יאָר שטודירן אין אוניווערסיטעט אָנגעשריבן אַ פּרעכטיק ווערק איבער מאַטעמאַטיק. ער בייט די מאַטעריע וואָס ער שטודירט, אָבער די טיפקייט פון דענקען, צו וואָס דער תלמוד האָט אים אויסגעשאַרפט דעם מוח, בלייבט שטענדיק איבער און קען אָנגעווענדעט ווערן אויף נייע געביטן״.

אָט־אָ־די באַוווּנדערונג פארן מזרח־ייד האָט איינשטיינ׳ען בכלל דערנענטערט צו דער מענטאַליטעט פון דעם מזרח־יידן. ער איז אַזוי דערנענטערט געוואָרן צום „אָסט״־יידישן ארט דענקען, אז ווען מ׳זאל ניט וויסן פון וואַנען איינשטיין שטאַמט, וואָלט מען געקענט מיינען, אפשר פון דער ליטע, אָדער פון רוסלאַנד גאָר...



ער, דער דייטשער ייד, האָט זיך נישט געשראָקן פארן געטאָ, להיפוך צו די „יעקישע״ יידן.

ער, דער דייטשער ייד, האָט זיך נישט געשראָקן פאר די אומגליקן, וואָס האָבן געדרעגנט אויף יידן, להיפוך צו די „יעקעס״.

מזרח־יידן זענען דען נישט געוואוינט צו די אַלע צרות, וואָס האָבן אויף זיי געהאָגעלט פון יאָר־הונדערטער?

און אָט ברענגט אונזערער אַ שרייבער, ש. ראזשאנסקי, אינטערעסאַנטע פּרטים וואָס ווייזן אונז, ווי אַזוי איינשטיין איז ביסלעכווייז צוגעצויגן געוואָרן דורך פּראָפעסאָר לעווע צום יידנטום.

דער ווירדיקער גרייז־גרויער וועטעראַן נעמט אַרויס דעם אויסשניט, וואָס ראָזשאנסקי ציטירט פון איינשטיינען:

„ניטשע האָט געזאָגט, אז איינע פון די כאראקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון יידישן פאָלק איז צו קענען און צו פּראַקטיצירן די „אײדעלע אויסנוצונג פון אומגליק״. איז טאקע נויטיק, אַז די יידן זאָלן זי אויסנוצן פאַר אַלעמענס ווילזיין״!

די דאָזיקע ווערטער קלינגען ממש, ווי עס וואָלט זיי געזאָגט א... יעקב גלאַטשטיין.

ווארום: וואָס איז דאָ פאראן צו איבערנעמען און זיך איבערשרעקן מיט דער מורא פאר יידישע אומגליקן? דאָס איז דען פאַר אונז אַ נייעס אין דער געשיכטע?

אדרבה: איז שלעכט, דאַרפן מיר „אויסנוצן״ אָט־אָ־דאָס שלעכטס ביזן סאַמע תהום, כדי אַרויסצוברענגען פאַר אונז גוטס!

אַזוי האָבן יידן שטענדיק געטאָן: פון שוואַכקייט געצויגן גבורה.

ווו האָט מען עס ביז איצט געזען, אַז יידן זאָלן נישט דאַרפן זיך באַווייזן ווי גרעסערע גבורים ווי אַלע זייערע שכנים, מער געדולדיקע ווי אַלע זייערע שכנים, פלינקערע ווי אַלע זייערע שכנים, גרעסערע מתמידים ווי אַלע זייערע שכנים?

פּראָפעסאָר לעווע איז זער פּאָפּולער אין תל אביב. ס׳איז נישטאָ קיין שום קולטורעלע אונטערנעמונג אין ארץ ישראל ווו ער נעמט נישט קיין אַנטייל.

אָט טרעפסטו, ווי פּראָפעסאָר לעווע גייט אין דער פרי מיט׳ן טלית און תפילין אין דערבייאיקן שול׳כל פון „איתוד שיבת ציון״. ער אַליין האָט דאָרט ערשט לעצטנס אָוועקגעגעבן זיינע אַ ספר־תורה, וואָס איז נאָך געשריבן געוואָרן פון סופר פון פשעווארסק, און אָט טרעפסטו אים גיין אין דער ביבליאָטעק „שערי ציון״ ווו ער איז דער פארוואלטער.

זיין הויז אין „בן־יהודה״ גאס 72 איז שטענדיק אָפן פאר באזוכער און בפרט פאַר פרעמדע, וואָס קומען פון די קאָלאָניעס און קיבוצים און ווילן זען דעם אלטן וועטעראן פון ציוניזם. מ׳איז אים אויך שואל־עצה אין וויכטיקע פראגן.

ש. ערנסט (תל־אביב)

# יובילײ פון יעקב כהן — א קולטור יום־טוב אין ישראל

יעקב כהן געהערט צו דער אויסערוועלטער העברעאישער דיכטער־גרופּע, אין וועלכער עס האבן ביז איצט געפונען פלאץ די פארשטארבענע העברעאישע דיכטער חיים נחמן ביאליק און שאול טשערניכאווסקי. דאס איז די מערקווירדיקע גרופּע, וואָס מען בעטראכט אלס די מאדערנע „ראשונים". צו זיי געהערט אויך ז. שניאור. זיי אלע ווערן פאררעכענט אלס די העכערע שאפער פון דער נייער העברעאישער ליטעראטור. יעדערער פון זיי איז א וועלט פאר זיך. יעקב כהן איז איינער פון די בעדייטענדסטע צווישן זיי. זיין ליטעראַרישע יצירה איז אַ שעהנער בייטראג, וואָס איז ענג פארבונדן מיטן אנהויב פון דער יידישער נאציאנאלער באוועגונג.

דער אָנהויב איז געווען גאנץ באַשיידן. מיט פופציק יאָר צוריק דערשיינט אין סאקאלאוו׳ס „ספר השנה" (פון יאר 1900) זיין ערשטער ליד וועגן „יהודה המכבי", העלד פון די חשמנואים, וואָס איז געווען דאן אַקטועלצייט־ליד. אויך זיין ווייטערדיקער וועג אין אונזער ליטעראטור איז פארבונדן מיטן כלל. דערגרייכנדיק אין זיין שאפן די „סיפרה" פון „הוד שבמנגינה" איז ער אבער אויך טיף פארווארצלט אין דעם רענעסאנס פון העברעאיש און ציון באוועגונג. נאכן ערשטן ציון־קאנגרעס, אין יאר 1897, גרינדעט ער צוזאמען מיט אנדערע דעם פאראיין „בני ציון" און אין יאר 1906 גרינדעט ער אין בערן די חברה „עבריה", וואָס שטעלט זיך אלס ציל די אויפלעבונג פון העברעאיש. אין יאר 1910 ווערט די „עבריה" פארוואנדלט אין „הסתדרות פאר דער העברעאישער שפראך און קולטור", ווו ער איז דער סעקרעטאר און שפּעטער דירעקטאר, ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

גלייך ביי זיין דערשיינען אויף דער ליטעראַרישער ארענע איז יעקב כהן אָנערקענט געוואָרן אלס אַנ׳אייגענארטיקער דיכטער. זיין דיכטעריש שאַפן און זיינע ביבלישע דראמען זענען געווען גרויס און שען און זיי האבן פארכאפּט דעם בעסערן העברעאישן לעזער. ער איז דאן געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעטראגן אין דער העברעאישער פּאָעזיע אַ הילכיקן אָפּקלאנג פון פרילינג. ער אנטפּלעקט אַ דערהויבענע פּאָנאראמע פון דער נאטור, ער איז אינטים פארבונדן מיטן קאסמאס און ער פירט ארויף זיינע צוהערער אין די ווונדערליכע און העכערע וועלטן פון כדור הארץ — ער איז אויך אַ מייסטער פון דער שטילער נאַטור, אין דער פלארע, אין דער פלאַנצן און בלומען וועלט, וואס איז דעם יונגן יידישן לעזער נאנט און פארשטענדליך. דער לעזער דערזעט דא פאר זיך די גאנצע רייכקייט און שיינקייט פון דער בליענדער וועלט, צו וועלכער ער איז אַזוי נאנט און פון וועלכער ער איז אזוי אָפּגעריסן, און ער דערקענט די גאנצע ליבשאפט און נאטירליכקייט פון דעם נאטור־געזאנג.



יעקב כהן האט שוין פון אנהויב זיין דיכטערישן שאפן געהאט זיין אייגענעם סטיל. ער האט — אַזוי צו זאגן — געשאפן פאר זיינע פּאָעטישע לונגען אַ לופט, וואָס איז אינגאנצן אַנדערש ווי ביי אַנדערע שרייבער. ס׳איז געווען פאר אים אַ נויטווענדיקייט צו שאפן און אויפצונעמען נייע פארמען, כדי איינצוצוימען דעם ווולקאנישן אויסברוך פון אונזער רענעסאנס. אַ נייעס איז געווען יעדער זאמל־בוך זיינער, ווי „העברי החדש" און שפּעטער „העוגן", „סנה". אין יאר 1919 נעמט ער איבער צוזאמען מיט פ. לאכאווער די „התקופה" פון דוד פרישמאן. אין „כנסת" ערשיינען דאן זיינע לידער און דראמעס, וואס זענען ווי אַ ברען־גלאז, ווו עס שפיגלען זיך אפ די שטראלן פון זיין יצירה, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט טיפע ליבשאפט צו אלץ וואס איז שען און דערהויבן. זיין ליבשאפט צו העברעאיש איז נאך ביז איצט ווי אַ מאגנעטישער כוח, וואָס בעאיינפלוסט אלעמען מיט זיין דראנג צו שאפן. ער איז איצט אַ מיטגליד פון ועד המכין צו דעם העברעאישן קולטור קאנגרעס, וואס ווערט צוזאמענגערופן דורך דער איניציאטיווע פון „ברית עברית עולמית", וועלכע האט איצט, אגב, ארויסגעגעבן אן אויפרוף וועגן די פייערונגען צום 50־טן יובילײ פון דיכטער יעקב כהן.

יעקב כהן אלס דראמאטונג איז אַ באַזונדער קאַפּיטל פאר זיך. זינט זיין דראַמאַטישע סימפאָניע „הקדושים", וואָס איז ערשינען אין דער צייט פון דעם פריערדיקן וועלט־קריג ביז דאס ערשיינען פון זיין גורל־טראגעדיע „יפתח" גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדים זיין צאפּעלדיקע אינטואיציע. זיינע דראמען זענען אויך מוסטערן פון העברעאישן סטיל, ער שעפּט פון אלע ברונעמס צוזאמען: פון איוב, שיר השירים ביז די פייטנים פון מיטלאלטער, און עס לויפן ביי אים אַ דורך דער גאנצער צוזאמענשטעל פון אידייען און מעשים, די צווייאייניקייט וועלכע האט פאר מיר דעם אויפלעב פון שפראך און לאנד מיט דער תקופה פונם אויפבוי פון מלכות ישראל.

אַקטואליזם און פּראבלעמאטיק זענען ביי אים פאראייניקט מיט שטילער ריינער ליריק, פרייד און טרויער, צער און גלויבן דערשיינען גלייכצייטיק אין זיין ליד דורך דער פּריזמע פון דעם דיכטערס אייגענע נשמה, סאיז אַ פלאמיקער אויסברוך פון זיין טעמפעראמענט, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זיין פּאטעטיש־פילאזיפישן ווערק „אריאל", ווו ער דערשיינט אלס טיפער דיכטער, וואָס איז אַ בעצייכנונג פון זיין דיכטעריש־זוכנדן דראנג, וועלכער געפינט אייביק זיין אייגנארטיקן שאפונגס אויסדרוק, ווו עס הויכט זיין אייגענטארטיקער אטעם. און אזוי זענען אויך אייגענארטיק זיינע דראמען „אלישע בן אבויה" און „ר׳ מאיר און ברוריה".

דער דראמאטישער שטאָף ווערט ביי יעקב כהן פארפארעמט אויף אן אייגענארטיק סימבאָלישן שטייגער. די פערזענליכקייטן אין דעם סצענישן דיאלאג ריגנלט ער שטענדיק ארום מיט אן אינהאלט און פארם, וואָס בילדעט אַ סימבאָלישע גאנצקייט. און וואָס עס איז בולט אממיינסטן אין זיין שאפן, דאס איז זיין „שלילת הגלות", זיין אויפווייזן, אז כאטש די יידישע געשיכטע

איז אומצורייסבאר פארוועבט מיט דער ארומיקער וועלט, דאך איז זי שטענדיק געווען איבער אַפגרונטן. אין אלע זיינע דראמען געפינסטו זיין אייגענע אינטערפרעטאציע צו די היסטארישע פראצעסן.

יעקב כהן איז דער דיכטער וואָס גלויבט אין כוח פון ווארט. אלץ וואס ער שרייבט איז דורכגעדרונגען מיט אַ בטחון, אז דאס דיכטערישע ווארט וועט דערגרייכן זיין ציל, און ווייל ער זעט דעם מענטשן אין שיין פון שטאלץ און גבורה, ווערט ער אויפגעשטורעמט פון צארן, ווען די ווירקליכקייט באַווייזט אים דאס רעאלע בילד פון גלות. דאן רייסט זיך ארויס פון זיין הארצן מיט אַ מורא׳דיקער שטארקייט, אַ געשריי: „הגלות לא עונש כי אם עוון פלילי״ — דער גלות איז נישט נאָר אַ שטראָף, נאר אויך אַ פארברעכן. און ער שרייט:

„מיט געוואַלד וועלן מיר אייך ארויסרייסן אייערע קינדער פון אייערע ארעמס און איר וועט מוזן עפענען די אויגן און זעען און הערן דעם שאל פון אויפקום״. און אַזוי שמידט ער זיין ליד צום אויפשטאנד פון די „בריונים״, וואָס קעמפן פאר דעם אויסרוף פון די רעוואָלטירער:

„בדם ואש יהודה נפלה
ובדם ואש יהודה תקום״.

און צופרידן איז איצט דער דיכטער, ווען זיינע לאזונגען האבן באקומען זייער פינאל ביי „צבא ההגנה לישראל״, וועלכע האט מיט דער שווערד אויסגעלייזט דאס יידישע פאלק אין לאנד פון ישראל.

# שטיקלעך באַריכטלעך על רגל אחת

(„מיטן רעכטן פוס״ אינם יאָר 1950)

## 1. אין די גאַלעריעס

אין דער ווייטשעפּעלער קונסט־גאַלעריע האט דעם חודש אויסגעשטעלט „די איסטענדער־אַקאדעמיע״. זעלבסטפארשטענדלעך זעט מען שוין איצט ווייניקער יידן צווישן די מאלער, ווייל די יידן פון ווייטשעפּל וווינען אין אנדערע געגענטן. אבער דאך וואַרפט זיך נאך אין די אויגן דא אין דארט אַ יידישער נאָמען, אָדער א יידיש־פארענגלישטער... אלענפאלס פרוי באראן׳ס פּאָרטרעטן מיט יידישן אנבליק, מיט זייער לעבעדיקייט און מאלערישע באַוועגלעכקייט האבן נאך אַ בכבודיקן פלאץ. אויך איז אונזער שרייבער ס. פאלמע פארטראטן מיט אַ ביוסט פון אַ פרוי, געמאָלן אין זיין אַקאַדעמיש לירישע־מאַנירלעכן סטיל. דער איינציקער קינסטלער פארטראטן מיט יידישע מאטיוון אין שלמה בראנשטיין; זיין „תלמיד חכם״, מער דעקאָראַטיוויש עקספּרעסיאָניסטיש, מאַכט אן איינדרוק.

בן־אורי־גאלעריע גייט אָן מיט אירע רעגלמעסיקע אויסשטעלונגען! לעצטענס איז געווען צו זען צייכענונגען פון דעם אין אַמאַליקן דייטשלאַנד באַ־



רימטן מיידנער. מיידנערס צוגאנג איז יעצט אַ גאנץ אַנדערער, מער רואיקער, און פרעציזער; צומאל זיינע נביאים זיינען געצייכנט כמעט שוין מיט אַקאַדע־



מיידנער — פרוי ביכלער

מישער געניויקייט, מיר פראדוצירן זיינס אַ לעצטע פיין־אויסגעפירטע צייכנונג.

דער אנגלאָ־ישראל־קלוב שטעלט אויס היינטיקן חודש אַ קאלעקציע בילדער פון דעם אמאל זייער באַרימטן אילוסטראטאר א. מ. ליליען. די אויסשטעלונג וועט עפענען דער ישראל מיניסטער אין לאנדאן דר. מרדכי עליאש. ס׳איז אַ געלונגענע אויפטו און ס׳איז ווערט צו באגריסן, נישט נאר מחמת וואָס דער קינסטלער איז געווען אַ „גרויסער ציוניסט״, נאר ווייל ליליען איז באמת געווען אַ גרויסער יידישער אילוסטראטאר, מיט יידישער טראדיציע און יידישלעכע איינפאלן אין זיינע וויניעטן און אראבעסקעס.

פארוואס אין דעם געניויעם־אויסגעארבעטן צירקולאר איז דווקא דערמאנט ליליענס אילוסטראציעס צום בוך פון אַ מיטלמעסיקן קוים אין דער וועלט באקאנטן דייטשן דיכטער און גאנץ פארשוויגן ליליענס באַרימטע אילוסטראציעס צו מאריס ראזענפעלד ארבעטער לידער, איז שוין מער ווי אומפארשטענדלעך.

דאס אלעקסאנדער טעאטער האט זיך ווידער פארמאכט! עס איז אַ גרויסער שאד, וואָס אַ פלאץ וואָס פלעגט ארייננעמען צו אַ פארשטעלונג אַ 15 הונדערט מענטשן, וועלכע האבן געהאט די מעגלעכקייט צו הערן יידישע מוזיק, פאלקס לידער, יידישע טענץ, און ווי נישט טיילמאל אויך גוט יידיש טעאטער, האט זיך געמוזט שליסן. לאמיר האפן, אז עס וועלן זיך ווידער באווייזן אזעלכע טעאטער־ענטוזיאסטן ווי די אמאליקע דירעקטארן, ביטלער־קאסאוו און זיי צו לאנגע יאָר די געשטארבענע שאפירא־רייפעלזאן.

לויט ווי מיר הערן, זאל דער לאנדאנער אימפרעסאריא מר. זוסמאן אהערברענגען קיין לאנדאן דעם בארימטן שוישפילער מאריס שווארץ און ער זאל דאָ, מיט דער טרופע פונם אַלעקסאנדער־טעאטער אויפפירן זיינע דריי נייע אויפפירונגען, וועלכע האבן געוואַלטיק אויסגענומען אין נארד און אין זיד אמעריקע. ווען די זאך זאל באמת צושטאנדקומען וואלט עס ווערט געווען צו באגריסן פון גאנצן הארצן.

אין גרענד פאלעי מאכט יעצט פריילעך דעם עולם דזשעק רעכטצייט. דאס טעאטער איז געפאקט און דער עולם לאכט און האט אן הנאה, מען מוז מודה זיין אז דער רעכטצייט האט עפּעס אַ מין כוח צו נעמען דעם עולם אויף זיכער! מיר האפן אז רעכטצייט, וועלכער האט זיך געמאכט אַ נאמען אין דער אלטער היים און אויך אין אמעריקע ביי מאריס שווארץ ווי אן אקטיאר פון בעסערן טעאטער וועט זיך נאך אין דער נאנטער און ריכטיקער צייט אויך ביי אונז דא רעכטפערטיקן, און אַ שפיל טון גוט טעאטער. די חברים גרופּע, וואָס באשטייט פון פיינע שוישפילער וועלן אים אויך מסתמא דאַנקבאר זיין. און דער עולם וועט דאך שוין סיי ווי קומען, ווייל זיי „גלייכן" אים דאך....

דער זשורנאליסטן פאַראיין, „ייוואָ" און פ.פ.י.ל.

דער יידישער זשורנאליסטן פעריין און דער „ייווא" טשוכן זיך אויס פון זייער זיסן דרימל און לאמיר האפן, אז דאסמאל וועט שוין זייער טעטיקייט נישט זיין קיין איינשלעפערדיקע... לעצטנס די אויפנאמע פאר „דיאדיא מישא", פאר בן־אַ סאכאטשעווסקי; פארגאנגענעם חודש איז פארגעקומען די אַלגעמיינע פארזאמלונג פונם „ייוואָ", קומענדיקן חודש זאל פארקומען די אלגעמיינע פארזאמלונג פונם שרייבער־פאריין. מיר האפן אז דאס אויפוואכן וועט זיין „לעבודת הבורא", מיט אינטענזיווער טעטיקייט פאר די מיטגלידער אליין, וואָס אַ סך פון אונז געפינען זיך נישט אין דער גלעצנדיקער לאגע, און ביי גוטן ווילן וואלט סוף כל סוף אַ סך געקאנט אויפגעטון ווערן.

אין אמעריקע דער שרייבער פאראיין גרייט צו א פאנד פון 90,000 דאלאר און פארלאנגט א סטופענדיע פונם פעראייניקטן־אפיל. אין פּאַריז די שרייבער באמיען זיך ביים דזשאינט און ביי אנדערע אינסטיטוציעס. און באמת „כאכלתכם כן עבודתכם", וואָלט די מאטעריעלע לאגע פונם יידישן שרייבער אין לאנדאן געווען אַ געזיכערטערע, וואָלט אויך די קולטור־טעטיקייט אויף דער



יידישער גאַס מסתמא געווען אַ מער־באַוועגלעכערע און אינטענסיווערע.

די מסיבה לעצטנס פאר דר. ראזענפעלד, דעם יושב ראש פונם „עברית עולמית", וועלכער האט דאָ געווילט אויף זיין צוריקרייזע פון אמעריקע קיין ישראל, איז געווען באמת אַ חברישע און ברידערלעכע. אויך די שארפע דיסקוסיע, ביי דעם פייערלעכן גלעזל טיי איז געווען אַ משפחהדיקע, ווי לייבלעכע ברידער וואָס קריגן זיך איבער אַ גרויסער ירושה... דר. ראזענפעלדס באציאונג צו יידיש איז אַ סימפּאַטישע, אומגעפער אזא: ער האלט נישט חלילה, אַז יידיש איז שוין טויט, אָבער איבער דער ירושה מוז מען זיך שוין זארגן.

פ.ס.—ס׳גרינדעט זיך אַ קאמיטעט פון אייניקע שרייבער צו פייערן דעם 60־טן געבוירן טאג פונם שרייבער און מאלער ס. פאלמע.

* * * * *

און צום שלוס, אַ שטיקל באריכט כאטש איבער אונזער אייגענער טעטיקייט. אמת, איבער די שבת נאכמיטאגס אין בערנער סטריט און די זונטאגאָוועגטס אין בן אורי האבן מיר שוין א חזקה צו שווייגן, זאל מיט איין ווארט נאָר כאָטש דערמאנט ווערן די חנוכה־פייערונג אין קינגס־האל.

דער באקאנטער חזן שמואל ראטה האט געצונדן חנוכה ליכט און יידישלעך חזניש געזונגען די נויטיקע מזמורים, אין מיר האבן אויסגעפלעט לאנדאנער יידישע ביכער ארויסגעגעבן אין 1948 און פיין געבונדענע „לשון און לעבנס" פון לעצטן יאָר.

באשיינט די טראדיציאנעלע שמחה האט דער באקאנטער און באליבטער אקטיאר יידל גאלדבערג מיט זיין אויסגעצייכנטן לייענען „חנוכה־געלד" פון שלום עליכם און מיט זינגען פאלקס־לידער און לידער פון געבירטיק. באגלייט אים ביים קלאוויר האט דער באקאנטער מוזיקער ליפשיץ.

די איבערראשונג פונם אָוונט איז געווען, וואָס דער עולם איז געווען אַ סך אַ גרעסערער לויט ווי מיר האבן גערעכנט — דאס איז דער גרעסטער סימן מזל ברכה און אונזער טעטיקייט אין דער יידישער גאס. ש.

## יחזקאל נח ערליכמאן

## דער רוסישער פּריזיוו

די יידן פון פוילן און רוסלאנד וואָס האבן געלעבט אונטער דעם אלטן צארישן רעזשים, גערענקען נאך גוט די צרות וואס עס זענען זיך אויסגעשטאַנען די יידישע זעלנער, וואָס זייער גורל איז אויסגעפאַלן צו דינען אין די רוסישע אַרמע, ווי די גרעסטע טייל פון די אָפיצירן און פעלדוועבלס, זענען ביי זייער אומוויסנהייט און נידריק לעבן געוועזן ווי ווילדע חיות. זיי האבן זיך דאס אביסל איזדיקעוועט אויף דעם יידישן זעלנערס פלייצעס.

און עס איז דעריבער גאר נישט קיין וונדער וואָס זיי האבן נישט געהאט קיין גרויס חשק צו דינען דעם צאַר; און זיי האָבן אָנגעווענדעט פערשידענע מיטלען אויסצודרייען זיך פון דעם כף הקלע, און באלד נאָך סוכות, ווען

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פריזיוו, זענען אַסך חסידים, געלאָפן צו זייערע רביים, ער זאל מתפלל זיין פאר זייערע קינדער זיי זאלן נישט אריין פאַלן אין גויעשע הענד.

איז אמאל אין אזא ווינדערדיקן פרייטאג געקומען צו פאהרן צום רבין אסך חסידים מזכיר צו זיין זייערע זין און איידעמס. דער רבי האט געדארפט אויסהערן יעדן איינעמס צרות, זיי טרייסטן, און געבן זיין ברכה, איז געוואָרן זער פארמאטערט, און ווען ער איז געזעסן, און געפראוועט דעם שבת טיש מיט זיינע חסידים, איז ער פאר גרויס מידקייט איינגעשלאפן ביים טיש.

ווען ער האט זיך אויפגעכאַפּט, האט ער געדענקט, אז דאס איינשלאפן אין מיטן טיש, האט נישט געמאכט קיין גוטן איינדרוק ביי אַ טייל חסידים, האט ער אויסגערופן מיט אַ הייטערער שטימע, איך קום יעצט פון בית דין של מעלה, ווי איך האב געהאט א דין תורה מיט דעם שר פון רוסלאנד, און איך האב אויף געוויזן מיט גערעכטע טענות, אז רוסלאנד טאר נישט נעמען יידן פאר זעלנער, דער שר האט זיך אפילו שטארק געגען געשטעלט אבער עס האט אים גאר נישט געהאלפן, און איך האב געוואונען דעם דין תורה.

די חסידים דערהערענדיק די דאזיקע בשורה פון רבינס מויל, איז געוואָרן צווישן זיי אַ גרויסע שמחה, אַ קלייניקייט! מען וועט שוין מער נישט נעמען יידן פאר זעלנער! אויס מיט די „פריזיוו קללה”. זיי האבן זיך שטארק געפרייט, און געמאכט אַ פיינעם טרינק מיט אַ רקידה.

זונטאג אין דער פריה ווען עס איז אנגעקומען אַ פרישער עולם פון די ארומיגע שטעדלעך האט מען זיך דערוווסט אז דער פריזיוו גייט ווייטער אָן, און נאך מיט מער שטארקייט און מיט מער אכזריות, אז אפילו קראנקע און קאליקעס נעמען זיי אויך צו, דען פון פעטערבורג איז געקומען אַ פריקאַז, מען זאל שיקן וואָס מער זעלנער, די חסידים זענען געוואָרן זער ענטוישט צו הערן אזעלכעס.

א פאר פון די חשובע חסידים, זענען אריין געגאנגען און דאס פארציילט דעם רבין, אז דער פריזיוו גייט ווייטער אן, און נאך מיט מער שטרענקייט. דער רבי האט זיך פארטראכט פאר אַ פאָר מינוט, און האט אַזוי געזאגט, דעם דין תורה האב איך געוואונען, נאר וואָס קאן מען טון מיט פאָניע־גנב ימ״ש ער וויל נישט האלטן דעם דין תורה....

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנארד־באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 7־טן יאַנואר געווידמעט דעם 30־טן יאָרצייט פון ש. אַנסקי — דער אַקטיאָר הערמאן טוניס וועט פארשטעלן פון „דיבוק”.

שבת, דעם 14 לכבוד דעם נייעם בוך פון אסתר קרייטמאן.

שבת, 21־טן: פון יידישן שאפן פון זיד אַמעריקאַנישע יידישע ישובים.

שבת, דעם 28־טן — דעם יובל פון באַרימטן העברעאישן דיכטער יעקב כהן.




„דאס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראם“

די נייע פאעמע פון דער דיכטערין חוה ראזענפארב

צו באקומען ביי:

MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1

— פריין 5/6 —

ביבליאָטעקן באקומען דאָס בוך פריי.

---

„די צייט“

געגרינדעט אין 1913 פון

מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג

אין ענגלאנד.

(בשעת דער מלחמה —

די איינציקע אין אייראָפּע.)

---

די סוף־חודש זונטיקס פון

„פריינט פון יידיש לשון“ ביי „בן־אורי“

זונטיק דעם 29־טן יאַנואַר 8 אָוונט

אין לאָקאַל פון

„בן-אורי“ קונסט גאלעריע

14 פּאָרטמען סטריט וו.1.

דאס שאפן פונם סאוויעטישן יידנטום

א. מ. פוקס איבער דוד בערגעלסאן

י. ביעטש און נעט רובין ווען לייענען

אריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל

איינטריט פריי פאר מיטגלידער!

1 שילינג פאר נישט מיטגלידער

---

צום טויט פון דעם אַרבעטער טוער **אייזיק קעסלער** איינער פון די מיט־באַגרינדער פון דער געוועזענער וועלטלעכער שול ביים אַרבעטער רינג, דריקן מיר אויס אונזער טיפן מיטלייד צו זיין פרוי און איינציקן זון.

פריינט פון יידיש לשון

---

אונזער טיפן מיטלייד צו אונזער פריינט און קאמיטעט מיטגליד **פּרץ אקערמאן** און צו זיינע קינדער צום טויט פון זיין פרוי.

פריינט פון יידיש לשון

---

אונזער מיטלייד־אויסדרוק צו פריינט **ה. י. גינסבערג** דעם אייגענטימער פונם גרענד־פּאַלעי־טעאַטער צום טויט פון זיין מוטער.

פריינט פון יידיש לשון

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 2 (העפט 121) **עלפטער יאַרגאַנג** פעברואַר 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאַלט:

די הייליקע פלעצער אין ישראל, ירושלים של מעלה,
לכבוד חמשה עשר בשבט ................................ ** 1
זעלנער מלאכי (דערציילונג) ......................... י. בר־יוסף 5
אַ שמחה אין הימל (ליד) ......................... משה עובד 12
פסקא מן שמיא (א מעשה פון חוזה מלובלין) .... יחזקאל נח ערלעכמאַן 13
הענט... (ליד) ......................................... ס. פאַלמע 17
הערצל און דער פויפסט ....................... יוסף פרענקל 18
ארץ ישראל ערד (באַלאַדע) ....................... א. נ. שטענצל 22
דריי אַפּאָלאָגיעס (3 אַפּאָלאָגיא כלפי פנים) ............. לעא קעניג 27
גבורה און חורבן ......................... ד״ר יעקב י. מייטליס 31
רייזע איינדריקן (אַנטווערפּן) ........................ יוסף הלל לעווי 36
אַן אוצר וואָס קיינער האט נישט פארלוירן נאר אַ סך קאָנען געפינען
(וועגן נחום באָמזע׳ס „אַ חתונה אין הארבסט) ...... מאטעס דייטש 42
ווייטשעפּל זינקט און זינגט ................................ ש. 45
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאקס ............ 48

**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאָנעמענטס־פּרייז :—19/6 פאַר א יאָר

אין אויסלאַנד :—5 דאָלאַר א יאָר

1/9 פאַר א פּראָבע נומער

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

*January* — *Renaissance Jewellery.*
*February* — *Boxes.*
*March* — *Sculpture by Mosheh Oved.*
*April* — *Curios.*
*May* — *Stuart Jewellery.*
*June* — *Children's Jewellery.*
*July* — *Cameos and Intaglios.*
*August* — *Georgian and Victorian Jewellery.*
*September* — *Antique Jewish Ornaments.*
*October* — *Oriental Jewellery.*
*November* — *Precious and semi-precious Stones.*
*December* — *Devotional Jewels and Christmas Presents.*

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.1*